ARKHIV

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS
413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG
WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:

Lloyd E. Cotsen Trust
Arie & Ida Crown Memorial
The Seymour Grubman Family
David and Barbara B. Hirschorn Foundation
Max Palevsky
Robert Price
Righteous Persons Foundation
Leif D. Rosenblatt
Sarah and Ben Torchinsky
Harry and Jeanette Weinberg Foundation
AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
National Yiddish Book Center

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

A. Maimonides

ארכיוו
פונ'ם
אידישען
סאציאליסט

ISBN:0-657-12624-1

דאס ערשטע העפט

Druck von H. Itzkowski, Berlin

ארכיוו

פונ׳ם

אידישען סאציאליסט

רעדאגירט

פון

לעאָן חאַזאַנאָוויטש

דאס ערשטע העפט

בערלין 1921

פארלאג „פועלי ציון"

אינהאלט

דרוק־פעהלערס.

זייט	שורה	געדרוקט	דארף זיין געדרוקט
8	7 פון אונטען	אינטערנאַציאַל	אינטערנאַציאנאַל.
13	6 " "	מיט'ן פאַרבאַנד	מיט'ן רעכטען פאַרבאַנד.
14	7 פון אויבען	זעה ארטיקלען	זעה רעזאלוציע.
16	16 " "	מאַסען־פאַרזאַמלונג	מאַסען פאַרזאַמלונגען.

דער „ארכיוו פונ'ם אידישען סאציאליסט".

דער שווערער אינערער קריזיס, וואס דער אינטערנאציאנאלער סאָציאליזם לעבט היינט־צו־טאָג איבער, ארויסגערופען דורך דעם פאַקט, וואס ער האט אין זיינע הויפּט־טיילען ניט אויסגעהאלטען דעם ערשטען גרויסען עקזאַמען פון דער וועלט־מלחמה, און פאר־שארפט דורך די טיפע חלוקי דעות איבער די פראגען פון דער וועלט־רעוואָלוציע, האט ניט געקענט בלייבען אָהן שטארקע ווירקונגען אויפ'ן אידישען סאציאליזם, וועלכער מאכט מחמת דעם פון ס'ניי דורך, ווי אין די יאהרען 1904—1907 אַ שטורם־ און דראנג־פעריאָדע. די מיינונגען געהען זיך פונאנדער ניט בלוז אין די אלגעמיינע פראגען, וואס עס ענבערט דעם מח פונ'ם דענקענדיגען אידישען סאציאליסט, איז ניט ווייניגער די פראגע, ווי די נייע וועלט־סיטואַציע און די גרויסע קאנפליקטען פון דער געגענווארט און נאהענט־סטער צוקונפט מוזען זיך אפשפיגלען אויפ'ן מצב פון די אידישע פאָלקס־מאסען, ווי די סאָציאלע באוועגונג נאך דער וועלט־קאטאַסטראפע מוז ווירקען אויפ'ן אידישען פראָבלעם. די דערשיטערונגען אין די רייהען פונ'ם אידישען סאציאליזם זיינען אזוי ערנסט, אז זיי האבען קיין פארטיי ניט פארשאנעוועט, אז געוויסע פארטייען זיינען מחמת דעם גייסטיגען איבערברוך אראָפּ פון דער סצענע, אדער שטעהען פאר זייער ליקווידאציע.

זעהר ווייניגע האבען א קלארע פארשטעלונג וועגען דעם וואס קומט פאר אינ'ם לעבען פון דעם אידישען סאָציאליזם אין די פארשיידענע לענדער. דאס פעלד איז אזוי ברייט אין די מניעות צו באקומען ריכטיגע אינפאָרמאציעס פון דער ערשטער האנד, באזונדערס פון די מזרח־לענדער, זיינען אזוי געוואלדיג, אז די גייסטיג־פאראינטערעסיר־טעסטע פארלירען אָפּט דעם אינערען קאָנטאקט מיט דער באוועגונג, אלס א גאנצער. אין קיין צייט ווי איצט האט זיך ניט אזוי שטאַרק געלאזט פיהלען די באדערפעניש אין אַ טריבונע, וואס אינפאָרמירט אביעקטיוו איבער די טענדענצען און שטרעמונגען אינ'ם אידישען סאציאליזם. דער „ארכיוו פונ'ם אידישען סאציאליסט" האט זיך געשטעלט די אויפגאבע צו ערפילען אָט די דאזיגע באדערפעניש. אינ'ם „ארכיוו" זאל איטליכע ריכ־טונג אינ'ם אידישען סאציאליזם קומען צום ווארט, זאָל איטליכע ריכטונג אין פולסטער פרייהייט אויף איהר אייגענעם שטייגער באקאנט מאכען די לעזער מיט איהר פראָגראם, מיט איהרע האפנונגען, מיט איהרע ספקות און וואַנדלונגען. דעם ערשטען פלאץ וועלען

מיר אפגעבען פאר אפיציעלע דאקומענטען און מאטעריאלען פון א פרינציפיעלען כאראקטער. מיר וועלען זיך פארנעהמען ניט בלויז מיט דער געגענווארט, נאָר האבען בדעה אויך צונויפקלייבען די וויכטיגסטע דאָקומענטען און מאטעריאלען פון דער פארגאנגענהייט, אזוי, אז מיט דער צייט זאָל דער ארכיוו קענען ווערען א רייכער קוואַל פאר דער געשיכטע פונ'ם אידישען סאָציאליזם. מיר דענקען זיך אבער ניט צו באגרענעצען אויף אידישע ארבייטער־באוועגונג, נאָר אויך באקאנט צו מאכען די לעזער מיט די שטרעמונגען און גייסטיגע קאַמפען אינ'ם אינטערנאציאנאלען סאציאליזם.

דער צוועק פון דער אונטערנעהמונג גיט אונז, ווי מיר גלויבען, דאס רעכט צו אפעלירען צו אלע ריכטונגען אונז אונטערצושטיצען אין דער ארבייט דורך צושטעלען כל'ערליי מאטעריאלען, וואס האבען אַ ווערט פאר'ן „ארכיוו".

די רעדאקציע.

די שפּאלטונג פונ'ם פועלי־ציון־וועלט־פּארבאנד.

פון 27. יולי ביז 8. אויגוסט איז אבגעהאלטען געוואָרען אין וויען די 5. וועלט־קאָנפערענץ פונ'ם אלוועלטליכען אידישען סאָציאליסטישען ארבייטער־פּארבאנד פועלי־ציון. דאס איז געוועזן די ערשטע קאָנפערענץ פונ'ם וועלט־פּארבאנד פועלי־ציון נאך דער מלחמה, ד. ה. נאך א 7־יאהריגער הפסקה. (די פּארבאנדס־באראטונג אין סטאקהאָלם, יולי—אקטאָבער 1919 האט געהאט נאר באשרענקטע קאמפּעטענצען.)

די קאנפערענץ איז געעפענט געוואָרען אין דער אבוועזענהייט פון די קאָמוניסטישע ארגאניזאציעס, גרופּירט ארום דעם לינקען אָרגאניזאציאנס־ביורא, וואס האבען זיך באטייליגט אין די זיצונגען ערשט נאכ'ן אָנקומען פון די רוסלענדישע דעלעגאטען און האט זיך אויסגעלאזט מיט דער שפּאלטונג פון דער פועלי־ציון־באוועגונג. עפענטליך איז מען זיך פונאנדערגעגאנגען ביים פונקט „סאציאלע רעוואלוציע און אינטערנאציאנאל", אין דער שפּאלטונג האט אָבער אויך געשפּילט א וויכטיגע ראָלע די פראגע וועגען באטייליגען זיך אינ'ם ציוניסטישען קאנגרעס.

אין דער פראגע וועגען אינטערנאציאָנאל האט איין ריכטונג, קאָמוניסטען און „לינקע" פארלאנגט, אז דער פּארבאנד זאל אהן באדינגונגען צוטרעטען צום 3־טען אינטערנאציאנאל (וואס האט אין דער אייגענער צייט אפּגעהאלטען זיין 2. קאָנגרעס אין מאסקווע און וואס זיינע החלטות זיינען געוועזן דעמאלט נאך אומבעקאנט), בעת די אנדערע איז געוועזן מיט דער מיינונג, אז פאר די פועלי־ציון וואלט זיין מעגליך צוצושטעהן צום 3. אינטערנאציאנאל, נאר ווען ער וועט זיין גרייט אויפצונעהמען אלע פּארטייען פונ'ם רעוואלוציאָנערען סאָציאליזם און וועט געבען די פּארטייען די נויטיגע מאס אויטאנאמיע. ביידע הויפּט־ריכטונגען האבען פארגעלעגט זייערע רעזאָלוציעס, וועלכע שטעהען אונטען. צו דער באהאנדלונג פון די ווייטערדיגע פונקטען פון סדר־היום איז די קאנפערענץ ניט געקומען. בנוגע דעם ציוניסטישען קאנגרעס זיינען אבער געפיהרט געווארען פארהאנדלונגען פון דעלעגאציע צו דעלעגאציע. ס'האט זיך געהאנדעלט ניט וועגען דער שטעלונג פונ'ם וועלט־פארבאנד אלס אזעלכען, ווייל געגען די באטייליגונג אינ'ם ציוניסטישען־קאנגרעס איז געוועזן א זיכערע מערהייט, נאר וועגען דער אויפנאהמע פון די פּארטייען, וועלכע האלטען די באטייליגונג פאר לעבענס־וויכטיג פאר'ן אידישען ארבייטער־ישוב אין א"י. ווען עס האט זיך אויסגעוויזען, אז א הסכם איז ביי קיינעם פון ביידע פונקטען ניט מעגליך צו דערגרייכען, האבען די דעלעגאציעס פון א"י, ענגלאנד, אמעריקא און ארגענטינען געשטעלט דעם אנטראג אנצוהויבען פארהאנדלונגען וועגען רעאָרגאניזירען דעם וועלט־פּארבאנד אויף נייע יסודות, ארויסנעהמענדיג פראוויזאָריש פון זיין קאמפּעטענץ יענע פּאליטישע פראגען, אין וועלכע

אַ צוזאַמענאַרבייט איז איצט ניט מעגליך. דער אנטראַג איז ביי אַ געוועהנליכער אבר־שטימונג (ניט לויט לענדער, נאָר לויט דעלעגאַטען) אבגעוואָרפען געוואָרען. די דערמאַנטע דעלעגאַציעס, ווי מינאָריטעטען פון אנדערע לענדער און ווי דאָס פאַרבאַנדס־ביוראָ האָבען זיך דערפאַר אין דער אבשטימונג איבער די רעזאָלוציעס צום פונקט אינטער־נאַציאָנאַל ניט באַטיילינגט. די אבשטימונג לויט לענדער איבער דעם דאָזיגען פונקט האָט געגעבען דעם רעזולטאַט: 178 שטימען פאַר דער רעזאָלוציע פונ'ם לינקען בלאָק, 179 אבגעהאַלטענע שטימען, 1 שטימע פאַר דער געגען־רעזאָלוציע. די דעלעגאַציעס פון די אויסגערעכענטע פיער לענדער האָבען פאַרלאָזען דעם זאַל.

ביידע הויפט־ריכטונגען האָבען פאַרטגעזעצט די באַראַטונגען סעפּאַראַט, יעדע אלס „די וועלט־קאָנפערענץ"; ביידע סעפּאַראַטע קאָנפערענצען האָבען אנגענומען רעזאָלוציעס בנוגע אַלע פונקטען פונ'ם סדר־היום אינ'ם נאָמען פון דעם „אַלוועלטליכען אידישען סאָציאַליסטישען אַרבייטער־פאַרבאַנד פועלי־ציון", ביידע האָבען געוועהלט דאָס „פאַר־באַנדס־ביוראָ" מיט'ן זיץ אין ווין. דער פּאַרזוך צו ברענגען ווענינסטענס צו אַ הסכם וועגען קאָאָרדינאַציע אין דער קאָנקרעטער פּאַלעסטינאַ־אַרבייט, בנוגע דעם אידישען אַרבייטער וועלט־קאָנגרעס א. אַ. וו., סאַנקציאָנירט פון ביידע קאָנפערענצען, האָט זיך ביז אַהער ניט איינגעגעבען.

דאָ גיבען מיר איבער די רעזאָלוציעס פון ביידע פאַרבאַנדען בנוגע די פראַגען וואָס האָבען בעיקר גורם געוועזען די שפּאַלטונג.

רעזאָלוציעס פון מזרח־פאַרבאַנד.

Nr. 1

סאָציאַלע רעוואָלוציע און אינטערנאַציאָנאַל.

א) דער וועלט־חורבן, וואָס איז אַרויסגערופען געוואָרען דורך דער וועלט־מלחמה, און דער פאַרברעכערישער, אומבאַהאָלפענער „שלום" האָבען קלאָר אַרויסגעוויזען דעם פולשטענדיגען באַנקראָט פון די הערשענדע קלאַסען און זייער אומפעהיגקייט צוריק אויפצובויען די ווירטשאַפט אויף די אַלטע יסודות פון פּריוואַט־אייגענטום און עקס־פּלואַטאַציע.

דער געשיכטליך־אויסגעצייכענטער אויסוועג פונ'ם קריזיס איז דאָס איבערבויען פון דער וועלט־ווירטשאַפט אויף נייע סאָציאַליסטישע יסודות. דער אַרבייטער־קלאַס איז דער איינציגער היסטאָריש־שאַפענדער כח פון דער איצטיגער צייט, וואָס איז באַרופען צו בויען די נייע סאָציאַליסטישע געזעלשאַפט.

ס'איז די תקופה פון דער סאָציאַליסטישער רעוואָלוציע.

די אויפגאַבע פונ'ם פּראָלעטאַריאַט איז ניט נאָר איבערצונעמען די חרוב־געוואָרענע אינדוסטריע, נאָר דער עיקר צו אָרגאַניזירען די פּראָדוקטיווע כחות, אויפ־בויען די נייע ווירטשאַפט און שאַפען די נייע סאָציאַליסטישע געזעלשאַפט.

דערצו מוז דער אַרבייטער־קלאַס איבערנעמען די פּאָליטישע מאַכט אין זיינע הענד און פאַרווירקליכען די פּראָלעטאַרישע דיקטאַטור אין דער פאָרם פון דער אַרבייטער דעמאָקראַטיע — אַרבייטער־ראַטען.

די סאָציאַלע רעוואָלוציע, וועלכע פאַרשאַרפט אַלע קאָנפליקטען פון דער קאַפּיטאַליסטישער געזעלשאַפט, פאַרשאַרפט ביז צו דער העכסטער מדרגה אויך דעם נאַציאָנאַלען קאָנפליקט, אויפדעקענדיג זיין סאָציאַלען אינהאַלט. דער פּראָלעטאַריאַט קאָנסטיטואירט זיך אין דער תקופה פון דער סאָציאַלער רעוואָלוציע אַלס נאַציע און נוצט אויס אַלע נייע אויסוואַקסענדיגע געזעלשאַפטליכע כחות און מעגליכקייטען, בכדי צו געבען זיין רעוואָלוציאָנערע, סאָציאַליסטישע לעזונג פון׳ם נאַציאָנאַלען פּראָבלעם.

דער קאַמף פאַר דער פּראָלעטאַרישער דיקטאַטור, וואָס ווערט געפיהרט פון׳ם אַרבייטער־קלאַס פון יעדער נאַציע און יעדען לאַנד, ברענגט נאָר דעמאָלט צום ענד־גילטיגען נצחון, ווען דער דאָזיגער קאַמף ווערט אַן אַלגעמיינער, אַן אינטערנאַציאָנאַלער, א קאַמף פון דעם וועלט־פּראָלעטאַריאַט פאַר דער וועלט־רעוואָלוציע.

דער פּאַרלאַמענטאַריזם און די אַזוי גערופענע בירגערליכע דעמאָקראַטיע זיינען ניט מסוגל צו ברענגען די פאַקטישע מאַכט אין די הענד פון דעם אַרבייטער־קלאַס. דער פּראָלעטאַריאַט נוצט זיי אויס בלויז צו פאַרשאַרפען די קלאַסענגעגענזאַצען און צו אָרגאַניזירען זיינע אייגענע רעוואָלוציאָנערע כחות. דער נצחון, אָבער, פון דער סאָ־ציאַלער רעוואָלוציע קען דערגרייכט ווערען נאָר דורך דער אָרגאַניזירטער מאַסען־אַקציע, באַוואַפענטען אויפשטאַנד, בירגער־קריעג.

ב) די סאָציאַלע רעוואָלוציע רופט זיך אָב מיט אַ באַזונדערער שאַרפקייט אויף דעם לעבען פון די אידישע מאַסען. די עקסטעריטאָריאַליטעט פון׳ם אידישען פאָלק, זיין אָבגעריסענקייט פון דער אורפּראָדוקציע, דער אומפאַרמיידליכער אונטערגאַנג פון דער קליין־אינדוסטריע און האַנדעל, דערשיטערן די עקאָנאָמישע פּאָזיציעס פון׳ם אידישען אַרבייטער־קלאַס און ברענגען צום פולשטענדיגען חורבן פון דער אידישער פאָלקס־ווירטשאַפט. די נויטיגקייט צו פּראָדוקטיוויזירען די אידישע פאָלקס־מאַסען ווערט אַלץ בולט׳ער. די עמיגראַציע־טענדענצען אַלץ שטאַרקער, און מיט׳ן אויסברייטערן זיך פון דער סאָציאַלער רעוואָלוציע אין אַ אַלץ גרעסערער צאָהל לענדער, ווערט אַלץ שאַרפער דער אינטערנאַציאָנאַלער כאַראַקטער פון דער אידען־פראַגע. די סאָציאַלע רעוואָלוציע פאַרשטאַרקט די שטרעבונג צו באַשאַפען אַ אידישע אַרבייטס־געמיינשאַפט אין ארץ־ישראל און פאַרשנעלערט צו דערזעלבער צייט די פּראָצעסען פון אידישען לעבען, וואָס פיהרען צו דער רעאַליזירונג פון׳ם פּראָלעטאַרישען פּאַלעסטיניזם.

ג) די וועלט־מלחמה האָט געטראָפען די אינטערנאַציאָנאַלע אַרבייטערשאַפט אינגאַנצען דעזאָריענטירט און דעזאָרגאַניזירט. דער צווייטער אינטערנאַציאָנאַל האָט ניט געהאַט דעם פאַקטישען כח זיך אַנטקעגען צו שטעלען דער וועלט־מלחמה. ס׳האָט איהם אויך געפעהלט די אידעאָלאָגישע און מאָראַלישע מאַכט צו פאַר משפּט׳ען דעם ברודער־מאָרד.

אָבער שוין בעת דער מלחמה זאַמעלט זיך דער געזונדער קערנדעל פון דער אינטערנאַציאָנאַלער אַרבייטער־באַוועגונג, וואָס איז געבליבען געטריי דער רעוואָלוציאָ־נערער טאַקטיק פון׳ם קלאַסען־קאַמף. מיט׳ן זיעג פון דער פּראָלעטאַרישער רעוואָלוציע אין רוסלאַנד איז אָנגעשטאַנען דער דריטער אינטערנאַציאָנאַל, וואָס איז איינציג און אַליין מסוגל צו ברעכען די מאַכט פון די הערשענדע קלאַסען, פאַרווירקליכען די פּראָלעטאַרישע דיקטאַטור, כדי איבערצובויען די וועלט אויף סאָציאַליסטישע יסודות.

אין הסכם דערמיט באַשליסט די 5־טע וועלט־קאָנפערענץ פונ׳ם אלוועלטליכען אידישען סאָציאַליסטישען ארבייטער־פאַרבאַנד פועלי־ציון, אנצושליסען זיך אָן דעם ־ריטען קאָמוניסטישען אינטערנאַציאָנאל.

Nr. 2

אונזער שטעלונג צו דער ציוניסטישער וועלט־ארגאניזאציע.

1) אין דער טעריטאָריאַלער קאָנצענטראציע פון די אידישע מאסען אין ארץ־ישראל איז פאראינטערעסירט דאס גאַנצע אידישע פאָלק — יעדער קלאַס אָבער, באַשטרעבט זיך זיינע קלאסען־אינטערעסען. די ציעלען און מעטאָדען פון דער אויסבוי־ארבייט אין פאלעסטינא זיינען פארשיידענע ביי די פאַרשיידענע קלאַסען. די אידישע בורזשואזיע שטרעבט אַריבערצוטראגען קיין פאלעסטינא די אלטע עקספלואַטאַציע־פאָרמען פון דער קאפיטאַליסטישער געזעלשאַפט; דער אידישער פראָלעטאַריאַט שטרעבט צו שאפען דאָרט אַ אידישע אַרבייטס־געמיינשאַפט.

2) דער ציוניסטישער קאָנגרעס, וואס איז צוזאמענגעשטעלט פון אַ בורזשואזער מעהרהייט, קען בשום אופן ניט דורכפיהרען די סאָציאַליסטישע בויאונגס־ארבייט אין פאלעסטינא, וועלכע איז אין אַ טיעפען געגענזאץ צו די אינטערעסען פון דער אידישער בורזשואַזיע.

3) דער פרייוויליגער כאַראַקטער פונ׳ם קאָנגרעס מאַכט שוין לכתחילה אונמעגליך די דורכפירונג פון באַשלוסען פון אנ׳עווענטועלער, צופעליגער מעהרהייט אין גייסט פון די פאָדערונגען פונ׳ם אַרבייטער־קלאס. דעריבער קען דער ציוניסטישער קאָנגרעס ניט אויסגענוצט ווערען דורכ׳ן פראָלעטאַריאַט פאר זיינע אינטערעסען. דאס אנטייל־נעהמען אין איהם וואָלט נאָר באשאפען שעדליכע אילוזיעס ביי א טייל פונ׳ם אַרבייטער קלאס און וואָלט אבגעשוואכט זיין אַקטיוויטעט אויפ׳ן וועג צו אַ זעלבשטענדיגער, פראָ־לעטאַרישער אויפבוי־ארבייט אין פאלעסטינא.

צוליעב די טעמים, זאגט זיך ארויס די 5־טע וועלט־קאָנפערענץ פון דעם אל־וועלטליכען איד. סאָציאליסטישען ארבייטער־פאַרבאנד, פועלי ציון, אקעגען דעם אַנטייל־נעהמען אין דעם ציוניסטישען קאנגרעס.

רעזאלוציעס פון מערב־פארבאנד.

Nr. 3

סאציאלע רעוואלוציע און אינטערנאציאל.

I. די וועלט, וואס ליגט אין חורבות דורך דער מלחמה צווישען קאפיטאליסטישע מלוכות, קען ניט אויפגעבויט ווערען אויף די אלטע קאפיטאליסטישע יסודות. די בורזשואַזיע איז ניט אימשטאנד צו פארענטפערן קיין שום פראָבלעם פון די רואינירטע פעלקער און לענדער, סיי פון ווירטשאפטליכען אויפבוי, סיי פון אינטערנאציאָנאלען שלום און סיי פון נאציאָנאלער פרייהייט. דאס קען טון נאָר דער אינטערנאציאָלער פראָלעטאריאט אויף די יסודות פונ׳ם סאָציאליזם.

דאס איבערנעמען פון דער מאכט דורכ׳ן פּראָלעטאַריאַט איז דאס ערשטע פּראָבלעם פון דער סאָציאַלער רעוואָלוציע, ווייל נאָר אין דעם געזיכערטען באַזיץ פון דער מאכט קען דער ארבייטער־קלאס דורכפיהרען די לאנגע און שווערע אויפגאבע פון איבערבויען די געזעלשאפט.

צווישען דער באזייטיגונג פון דער ממשלה פון דער בורזשואַזיע און דער אויפ־ריכטונג פון דער קלאַסענלאָזער, סאָציאַליסטישער געזעלשאפט ליגט די איבערגאנגס־תקופה, וואס איז די פּערמאנענץ־ערקלערונג פון דער רעוואָלוציע, וועלכע, בפרט אין צייטען פון בירגער־מלחמה, נעמט אָן די פאָרמען פון דער דיקטאטור פונ׳ם פּראָלעטאַריאַט. עס איז דער גרויסער היסטאָרישער פאָרדינסט פון דער רוסישער רעוואָלוציע, וואס זי האט געשאפען אין די ארבייטער־ראַטען א נייעם וויכטיגען כלי־זין פונ׳ם פּראָלעטאַריאַט אין זיין קאַמף געגען דער דיקטאטור פון דער בורזשואַזיע און א אָרגאַן פון דער פּראָלע־טאַרישער מלוכה אין דער אדורכגאנגס־צייט צו דער סאָציאַליסטישער דעמאָקראַטיע.

די וועלט־קאָנפערענץ געדענקט דערביי, אז דער נצחון פונ׳ם סאציאליזם איז פאַרזיכערט נאָר דעמאָלט, ווען ער ווערט געטראָגען פון דער גרויסער מערהייט אין דעם אינטערעס פון דער גרויסער מערהייט און אז די דיקטאטור מוז זיך, צוליב דער דער־גרייכונג פון איהר ציל, שטיצען אויפ׳ן פרייען ווילען פונ׳ם ארבייטענדיגען פאָלק.

ביז דער דערגרייכונג פון דער דאָזיגער מדרגה פונ׳ם רעוואָלוציאָנערען קאַמף, מוז אוים דער ארבייטער־קלאס אלע אנשטאלטען פון דער דעמאָקראַטיע אין דער בירגערליכער געזעלשאפט, כדי צו אָרגאַניזירען און צו ערציהען די פּראָלעטאַרישע מאסען צום קאַמף געגען דער הערשאפט פון דער בורזשואַזיע און צוצוגרייטען דאס איינגעמען פון דער פּאָליטישער מאכט דורכ׳ן פּראָלעטאַריאַט.

די וועלט־מלחמה און די רעוואָלוציע אין מזרח־אייראָפּא האָבען געהאט קאַטאַסטראָפאַלע פאָלגען פאר די אידישע פאָלקס־מאסען און האבען אויפגעדעקט די טראַגישע סתירות אין דעם עקאָנאָמישען לעבען פון דעם עקסטעריטאָריאַלען אידישען פאָלק.

די סאָציאַליזירונג פון דער פּראָדוקציע נעמט אוועק ביי גרויסע טיילען פון די קליינבירגערליכע אידישע פאָלקס־מאסען זייערע פונקציעס. דער אידישער פּראָלעטאַריאַט, וועלכער איז קאָנצענטרירט אינ׳ם קליין־באַטריב און איז אָבגעריסען פון דער אורפּראָדוקציע, ווי אויך די דעקלאַסירטע פאָלקס־מאסען, באגעגענען גרויסע שוועריגקייטען ביים אריינ־דרינגען אין דער נייער סאציאליסטישער ווירטשאפט. דאס באדערפעניש איבערצוגעהן צו פּראָדוקטיווער ארבייט ווערט אלץ דרינגענדער, דער דראַנג נאך עמיגראַציע ווערט אלץ שטארקער און דערמיט ווערט דער באלדיגער אויפבוי פונ׳ם אידישען לעבען אויף די יסודות פון פּראָדוקטיווער ארבייט און דער אויפבוי פון א אידישען סאציאליסטישען ארבייטס־ישוב אין ארץ־ישראל די צענטראַלע אויפגאבע פון דער אלוועלטליכער אידישער ארבייטערשאפט.

II. כדי צו פאראייניהייטליכען און אנצופיהרען דעם רעוואָלוציאָנערען קאַמף פונ׳ם אלוועלטליכען פּראָלעטאַריאַט, מוז ווידער אויפגעבויט ווערען א רעוואָלוציאָנערער אינטערנאציאָנאל, וואס זאָל זיין אקציאָנס־פעהיג אין אינטערנאציאָנאלען מאסשטאב.

די פרובען, צו פאראייניגען אינ׳ם צווייטען אינטערנאציאָנאל די סאצ. רעוו.

פארטייען און פארוואנדלען איהם אין דעם אנפירענדיגען אָרגאן פון דער אינטערנאציאָנאלער פראָלעטארישער אקציע, האבען זיך ניט איינגעגעבען; די קאָנפערענץ ערקלערט דעריבער, אז דער אלוועלטל. איד. סאצ. ארב. פארבאנד פועלי־ציון טרעט ארויס פונ׳ם צווייטען אינטערנאציאָנאל.

די קאָנפערענץ זעהט אין דעם דריטען אינטערנאציאנאל די אָרגאניזאציע פונ׳ם רעוואָלוציאנערען פראלעטאריאט, ארום וועלכען ס׳קענען זיך פאראייניגען אלע פארטייען, וואס שטעהען אויפ׳ן יסוד פונ׳ם רעוואלוציאנערען סאציאליזם. כדי דער ציל זאָל ווערען דערגרייכט, איז עס די בשותפות׳דיגע אויפגאבע פון די דאָזיגע פארטייען, אויסצובויען דאס אקציע־פראָגראם און די טאקטישע כללים פונ׳ם פראלעטארישען אינטערנאציאָנאל.

דער נייער אינטערנאציאנאל מוז זיין דער העכסטער געזעצגעבענדער און אויספירענדער אָרגאן פונ׳ם גאנצען וועלט־פראלעטאריאט; ער מוז זיך אבער דערביי רעכענען מיט די באזונדערהייטען פונ׳ם פראלעטארישען באפרייאונגס־קאמף פון יעדען פאָלק און לאנד און געבען אלע זיינע טיילען די נויטיגע אויטאנאמיע אין זייערע אייגענע אקציאָנען. די באפרייאונג פון די אונטערדריקטע נאציעס און דער קאמף פאר דער זיכערונג פון די רעכט פון די נאציאנאלע מינדערהייטען, מוז זיין איינע פון די הויפט־אויפגאבען פונ׳ם נייעם אינטערנאציאנאל.

אלס א טייל פונ׳ם אינטערנאציאָנאלען פראלעטאריאט ערקלערט עס דער איד. סאצ. ארב. פארב. פועלי־ציון פאר א דרינגענדען חוב פונ׳ם אינטערנאציאָנאלען ארבייטער־קלאס, מיטצוהעלפען מיט זיין וואקסענדיגער מאכט דעם איבערבוי פון דעם אידישען פאָלקס־לעבען אויף די יסודות פון פרייער פראדוקטיווער ארבייט און אין דעם קאמף פונ׳ם אלוועלטליכען אידישען פראלעטאריאט פאר זיינע נאציאנאלע זעלבסבאשטימונגס־רעכט אין אלע לענדער און פאר דער שאפונג פון א אידישער סאציאליסטישער געזעלשאפט אין ארץ־ישראל.

אינ׳ם זין פון דער דאזיגער רעזאָלוציע באאויפטראגט די וועלט־קאָנפערענץ דאס פארבאנדס־ביורא זיך צו שטעלען אין פארבינדונג מיט׳ן דריטען אינטערנאציאנאל און מיט די רעוואלוציאנערע סאציאליסטישע פארטייען פון אלע לענדער, כדי מעגליך צו מאכען דעם אריינטריט אינ׳ם דריטען אינטערנאציאנאל.

Nr. 4

אונזער שטעלונג צו דער ציוניסטישער וועלט־ארגאניזאציע

1) דער ערשטער תנאי פאר דער השפעה פונ׳ם אידישען ארבייטערקלאס אויפ׳ן גורל פונ׳ם ישוב, איז זיין זעלבשטענדיגע ארבייט אין ארץ־ישראל. אג׳ אַנטשיידענדע באדייטונג פאר דעם כאַראַקטער פון דער נייער אידישער ווירטשאפט קען ער אבער קריגען נאָר דעמאלט, ווען די ארבייטערשאפט וועט געווינען אַ נעהעריגע דירעקטע השפעה אויף דער קאָלאָניזאטאָרישער ארבייט פונ׳ם גאנצען אָרגאניזירטען אידישען כלל.

2) די אינסטאַנץ, וואס זאָל האבען די אויפגאבע, צו שאפען די פרייע אידישע געזעלשאפט אין ארץ־ישראל, איז אַ דעמאָקראַטיש־געוועהלטע פארטרעטונג פונ׳ם אידישען פאָלק, וואס איז אינטערנאציאָנאל סאנקציאָנירט און פארמאָגט די נויטיגע רעכט און קאָמפעטענצען.

ביז אזא פארטרעטונג ווערט געשאפען, מוז פאַרנעמען איהר אָרט א פאָלקס־אָרגאניזאציע, וואס באַזירט אויף פרייער געזעלשאפטליכער איניציאטיוו און רעפּרעזענטירט אלע טיילען פון פאָלק וואס שטרעבען צו דער טעריטאָריאַלער פארענטפערונג פון דער אידישער פראגע אין ארץ־ישראל.

אַזאַ אָרגאניזאציע איז די ציוניסטישע וועלט־אָרגאניזאציע. זי איז שוין איצט דער וויכטיגסטער פאַקטאָר פון דער אידישער קאָלאניזאציע אין א״י, פון וועמען ס׳איז דירעקט אדער אינדירעקט אבהענגיג סיי די נאציאנאל־קאָלאָניזאטארישע, סיי די פריוואט־ווירט־שאַפטליכע, סיי אפילו די זעלבשטענדיגע פראָלעטארישע קאלאָניזאטאָרישע טעטיגקייט אין לאנד; די נייע פאָליטישע פארהעלטנישען אין לאַנד גיבען דער ציוניסטישער אָר־גאניזאציע און איהרע אָרגאנען יורידישע פרעראָגאטיווע און עקאָנאמישע מעגליכקייטען קודם כל אויפ׳ן געביט פון איינוואנדערונג און ערד־פראַגע, וואס פארגרעסערן נאך די וואָג פון איהר השפעה אויפ׳ן גורל פונ׳ם לאנד.

3) די ניט־באטייליגונג פונ׳ם פראָלעטאריאט אינ׳ם ציוניסטישען קאנגרעס און זיינע אויספיהרענדיגע קאָלאניזאטארישע אָרגאנען וואלט געהייסען מפקיר זיין די אויפבוי־ארבייט אין ארץ־ישראל אין די הענד פון דער בורזשואַזיע, מאכען דעם ציוניזם פאר אנ׳אינסטרומענט פון איהרע ריוח־אינטערעסען, אבשוואכען די פּאָזיציעס פון דער אידישער ארבייטערשאַפט, פארקלענערן איהרע ארבייטס־ און איינוואנדערונגס־מעגליכקייטען און שטעלען אין סכנה די פארווירקליכונג פונ׳ם ציוניזם.

די באטייליגונג אינ׳ם ציוניסטישען קאָנגרעס און די קאָנטראָלירונג פון זיינע אויס־פיהרענדע ישוב־אָרגאנען, דער סיסטעמאַטישער קאַמף געגען דער אידעאָלאָגיע און דעם קאָלאניזאציע־סיסטעם פון זייער קלאַסען־געגנער און די שטענדיגע אַרבייט פאר׳ן דער־גרייכען א געהעריגע דירעקטע השפעה אויף די פאָרמען פון דער א״י קאלאניזאַציע איז דעריבער אנ׳אָרגאנישער טייל פון די אויפגאבען פונ׳ם וועלט־פארבאנד פועלי־ציון און זיינע לאַנד־פאַרטייען.

4) אויף דעם קאָנגרעס קעמפט דער פראָלעטאריאט געגען די כונות פון דער אידישער בורזשואַזיע, צו פארוואנדלען דעם ציוניזם אין א כלי־זין פון איהר קלאסען־הערשאפט, ווייזט אויף די אנטי־נאציאָנאלע און אנטי־ציוניסטישע טענדענצען פון איהר ישוב־ארבייט; באנוצט די קאָנגרעס־טריבונע פאר דער אָרגאניזירונג און דערציהונג פון דער אידישער ארבייטערשאפט צום קאמף פאר אַ סאָציאליסטישען א״י, גרופירט אַרום זיך די שכנ׳שע צווישענקלאסען, ארונטערוואַרפענדיג זיי אונטער זיין סאָציאליסטישער השפעה, קעמפט פאר דער דורכזעצונג פון זיינע קאלאָניזאציאנס־פּרינציפּען און זאמעלט ערפאַהרונגען און פעהיגקייטען, כדי איבערצונעהמען די פיהרונג פון דער גאנצער קאלאָ־ניזאַציע.

אין דעם דאזיגען קאמף שטיצט זיך דער אידישער פראלעטאריאַט אויף זיין איי־גענער עיקר׳דיגער ראָל אין דער פארווירקליכונג פונ׳ם ציוניזם, אויף דער דירעקטער פאראינטערעס־רטקייט פון די ברייטע פאָלקס־מאַסען אין דער שאפונג פון ארבייטס־מעגליכקייטען אין ארץ־ישראל און אויף דעם וואקסענדיגען פאליטישען כח פונ׳ם אינטער־נאציאנאלען פראָלעטאַריאַט.

5) אינ׳ם איצטיגען מאָמענט, ווען די פיהרענדע קרייזען פונ׳ם בירגערליכען ציוניזם נוצען אויס די סיטואציע, וואס איז געשאַפען געוואָרען דורך דער מלחמה און רעוואָלוציע, כדי צו איננאָרירען די דעמאָקראַטישע יסודות פון דער ציוניסטישער אָרגאַניזאַציע און פיהרען איין מעטאָדען פון זעלבסטקאָפּטאַציע און נאָטאַבלען־נאָמינירונג, שטעהט דער וועלט־פאַרבאנד פועלי־ציון פאר אַ שווערען קאמף אין דער ציוניסטישער אָרגאַניזאַציע.

די וועלט־קאנפערענץ פּראָטעסטירט בפרט זעהר שאַרף געגען דער רעאָרגאַניזאציע פון דער לייטונג פון דער ציוניסטישער ארגאניזאַציע און פונ׳ם נאַציאנאלפאָנד־דירעקטאָריום לויט די דערמאנטע מעטאָדען.

די וועלט־קאָנפערענץ סאָלידאַריזירט זיך מיט די פּראטעסטען פון דער אידישער ארבייטערשאפט אין ארץ־ישראל געגען דעָם ועד הצירים, וואס איז סיי אין זיין צוזאַמשטעל, סיי אין זיין טעטיגקייט אַן אויסדרוק פון די אנטי־דעמאָקראַטישע טענדענצען, וואס קריגען אַלץ אַ גרעסערע השפעה אויף דער פיהרונג פון דער ציוניסטישער ארבייט.

דער ועד הצירים האט ניט גענוצט אויסנוצען אלע מעגליכקייטען. צו פאַרגרעסערן דעם ישוב און שאַפען ארבייטס־מעגליכקייטען פאר נייע איינוואנדערער; ער האט אפילו ניט געזאָרגט דערפאר, אז די באפרייטע לעגיאָנערען זאלען קענען פארבלייבען אין לאנד און פארשטארקען די פּאָזיציע פון דער אידישער ארבייט; ער האט געלעגט דעם ישוב שווערקייטען אין וועג ביי דער ארגאניזירונג פון א פּאָליטישער רעפּרעזענטאציע און האט פארנאכלעסיגט די אויפגאַבען פון זעלבסט־שוץ בעת די געפעהרליכסטע מאמענטען, ער האט מיט זיין פאָליטיק ניט פארלייכטערט, נאר פאַרשאַרפט די באַציהונגען צו דער אראבישער באפעלקערונג.

די קאָנפערענץ פּראָטעסטירט געגען די טענדענץ, וואס האט זיך געוויזען בנוגע דער אָרגאַניזירונג פון דער איינוואַנדערונג קיין א״י אונטער דער מאַסקע פון רעגולירען די עמיגראַציע צו שטערען און צו דעזאָרגאַניזירען די פּראָלעטארישע איינוואנדערונג צוליב פּאָליטישע און פארטייאישע טעמים.

באַזונדערס שאַרף מוז צוריקגעוויזען ווערען די נטיה, צו מאכען אָבהענגיג די איינוואנדערונג פונ׳ם קענען די העברעאישע שפּראַך אָדער פון אַ באַשטימטער שטעלונג צו דער שפּראַכען־פראַגע אין לאַנד.

די וועלט־קאָנפערענץ פאָדערט אויף דאס פ. ב. צו פיהרען געגען די דאָזיגע טענדענצען אַ שאַרפען און ענערגישען קאַמף, צו באַטייליגען זיך אין דער רעאָרגאַניזאַציע פון די עמיגראַציע־עמטער און אין דער שאפונג פון די אַרבייטער־אָבטיילונגען לויט׳ן באַשלוס פון דער לאָנדאָנער ציוניסטישער קאָנפערענץ און צו קאָנצענטרירען די אַקציע צום קומענדיגען ציוניסטישען קאָנגרעס אַרום די פראַגען פון די סאָציאליסטישע פּרינציפּען פון דער א״י קאָלאָניזאציע און אַרום דער גרינדליכער רעאָרגאַניזאַציע פון דער ציוניסטישער באַוועגונג.

די שפּאַלטונג פון׳ם וועלט־פאַרבאַנד האָט נאַטירליך גורם געווען א טיפע צוזודערונג פון דער פּ׳עלי־ציון־באַוועגונג אין א גרויסען היזק אין כחות. וואָס ווערען אויסגעשעפּט אויף פּראַקציאָנעלע מחלקות. מחמת דוחק אין פּלאַץ ווילען מיר דאַ געבען נאָר א קורצען איבערבליק איבער דעם איצטיגען מצב אין דער פּועלי־ציון־באַוועגונג.

דער צ. ק. און דער פּאַרטיי־ראַט פון דער פּועלי ציון־פּאַרטיי אין פּוילען האָבען באַשלאָסען צוצושטעהן צום לינקען וועלט־פאַרבאַנד, אויסדריקענדיג דערביי זייער באַדויערן איבער דער פּאָרגעקומענער שפּאַלטונג. דער באַשלוס דאַרף נאָך באַשטעטיגט ווערען פון א פּאַרטיי־קאָנפערענץ. די רעזאָלוציעס פון׳ם פּאַרטיי־ראַט „געפינט אויך, אַז אינ׳ם אינטערעס פון דער פּועלי ציון־באַוועגונג איז נויטיג די קאָאָרדינאַציע פון ביידע פאַרבאַנדען ביי באַשטימטע געמיינזאַמע פראַגען”. דער־פאַר ווערען געפאָדערט אונטער־האַנדלונגען מיט׳ן צווייטען צד, כדי צו ברענגען צו א קאָאָרדינאַציע בנוגע די געביטען, וואו ס׳לאָזט זיך דערגרייכען א הסכם און קודם כל בנוגע דער ארץ ישראל־ארבייט.

פון דער אַנדערער זייט איז אַנשטאַנען צווישען די פּועלי ציון אין פּוילען אַן אָרגאַניזירטע אָפּאָזיציע, וואָס האָט זיך אָנגעשלאָסען אָן דעם מערב־פאַרבאַנד. אין קראָקוי איז אויף א באַראַטונג פון פּועלי ציון־אָרגאַניזאַציעס אין מזרח־גאַליציען געגרינדעט געוואָרען א „אָרגאַניזאַציע־קאָמיטעט פון די מערב־גאַליצישע אידישע ס.־ד. פּועלי ציון־אָרגאַניזאַציעס”, וואָס אַרבייט אין דער זעלבער ריכטונג.

ב ו ק אָ ו ו י נ א האָט זיך אָנגעשלאָסען אָן לינקען פאַרבאַנד, אויפפאָדערענדיג אין דער זעלבען צייט דאָס פאַרבאַנדס־ביוראָ „זיך צו רעכענען מיט דער שטימונג אין די לאַנד־פּאַרטייען און צו זוכען וועגען און מיטלען, וואָס פיהרען צו א פאַרשטענדיגונג מיט׳ן רעכטען וועלט־פאַרבאַנד, כדי ווידער אויפצובויען אַן׳איינהייטליכען וועלט־פאַרבאַנד פון דער פּועלי ציון־באַוועגונג”.

אין א מ ע ר י ק א האָט א טייל פון דער אָפּאָזיציע אין דער פּועלי ציון־פּאַרטיי זיך אָבגעשפּאָלטען און איז צוגעטרעטען צום לינקען פאַרבאַנד, בעת אַן׳אַנדער טייל פון דער אָפּאָזיציע איז געבליבען אין דער פּאַרטיי און וויל אויף איהר משפּיע זיין פון אינעווייניג.

די סאָציאַליסטישע אַרבייטער־פּאַרטיי אין פּאַלעסטינאַ, וואָס איהר פאַרטרעטער איז אויסגעשלאָסען געוואָרען פון דער לינקער סעפּאַראַטער קאָנפערענץ אין ווין האָט אויף איהר 2. קאָנפערענץ לויט׳ן פאַרלאַנג פון לינקען פאַרבאַנדס־ביוראָ געביטען איהר פּראָגראַם און איז אויפגענומען געוואָרען אין לינקען פאַרבאַנד.

די אידישע קאָמוניסטישע פּאַרטיי (פּועלי ציון) אין רוסלאַנד פאָדערט, אַז דער לינקער פאַרבאַנד זאָל זיך פאַרוואַנדלען אין א קאָמוניסטישער אַלוועלטליכער פּאַרטיי און זאָל ניט האָבען קיין מגע ומשא מיט׳ן פאַרבאַנד (זעה אונטען די רעזאָלוציע). זי פאַרלאַנגט צווישען אַנדערען, אַז די סאָציאַל־דעמאָקראַטישע אַרבייטער־פּאַרטיי (פּועלי ציון) אין רוסלאַנד זאָל פון׳ם פאַרבאַנד אויסגעשלאָסען ווערען.

די לעצטע פּאַרטיי ערקלערט פון איהר זייט, אַז „דאָס פאַרבאַנדס־ביוראָ דאַרף אַרבייטען אין פּוילען קאָנטאַקט מיט אחדות העבודה, אַלס מיט דער אָרגאַניזאַציע, וואָס פאַראייניגט דעם גאַנצען רעוואָליוציאָנערען פּראָלעטאַריאַט פון פּאַלעסטינאַ, אויטאָב־

העגניג פון איהר באציהונג צום וועלט־פארבאנד און שטרעבענדיג צו רעוואלוציאניזירען אחדות העבודה פון אינווייניג".

א נייטראלע שטעלונג צו דער שפאלטונג האבען פארנומען די פארטיי אין מזרח־גאליציען און דער פועלי ציון פאראיין אין פאריז.

די אידישע סאציאל־דעמאקראטישע ארבייטער־ארגאניזאציע אין דייטשלאנד האט זיך אויף איהר קאנפערענץ פון 6—7 נאוועמבער געשטעלט דעם ציל ווידערצו־פאראייניגען די באוועגונג (זעה ארטיקלען), אויף וואס די קאמוניסטישע מיטגלידער האבען רעאגירט מיט א שפאלטונגס־אקציע.

רעזומירענדיג, מוז פעסטגעשטעלט ווערען, אז די גרויסע מעהרהייט פון דער באוועגונג פארלאנגט א ווידערפאראייניגונג, אדער וועניגסטענס א קאארדינאציע אין דער פראקטישער ארבייט, ספעציעל בנוגע ארץ ישראל, בעת די קאמוניסטישע גרופען באקעמפען יעדען געדאנק פון א צוזאמענארבייט, אריינטראגענדיג די טענדענץ פון א שפאלטונג אויך אינ'ם לינקען וועלט־פארבאנד.

די אידישע קאמוניסטישע פארטיי (פועלי־ציון).

I. רעזאלוציעס פון דער האמלער קאנפערענץ.

(10—15 אויגוסט 1919).

Nr. 5

אין דער אלגעמיינער פאליטיק האט די קאנפערענץ אנגענומען אַ פלאטפאָרם, וואס שטעלט זיך אין אלע פרטים אויפ'ן שטאנדפונקט פון דער רוסישער קאמוניסטישער פארטיי.

וועגען נאציאנאלער פאליטיק.

I.

אין דער קאפיטאליסטישער אָרדנונג ווערט יעדע נאציע אונטערדריקט, אויב זי אונטערדריקט נים אנדערע. די באפעלקערונג ווערט איינגעטיילט אויף נאציאנאלע מעהרהייטען און מינדערהייטען. דער עיקר־פרינציפ פון נאציאנאלער זעלבסטבאשטימונג איז דער טעריטאָריאלער: דער פערסאנאלער פרינציפ איז נאר א תקנה פאר נאציאנאלע מינדערהייטען.

א פרייע נאציע שאפט זיך נאר אין דעם פראצעס פון דער סאָציאלער רעוואָלוציע, ווען דער פראָלעטאריאט קאָנסטיטואירט זיך אלס ארבייטער־נאציע, וואס פאסט צו די סאָציאלע פראָדוקציע־פארהעלטענישען צו איהרע קולטורעלע באַדערפענישען.

די סאציאליסטישע אָרדנונג שאפט אָפּ די אינסטיטוטען פון נאציאנאלע מעהרהייטען און מינדערהייטען. דער עיקר־פרינציפ פון נאציאנאלער זעלבסטבאשטימונג ווערט דער פערסאָנאלער: דער טע־

ריטאָריאלער ווערט שוין די תקנה פאר דער ראַציאָנעלער פאנאנדערטיילונג פון די כחות פון די נאציעס.

די סאציאליסטישע געזעלשאפט איז אַ פרייער פארבאנד פון נאציעס, וואס זייער עקאנאמישע טעטיגקייט איז צענטראליזירט און ווערט רעגולירט פלאנמעסיג אין אל־וועלטליכען מאסשטאב, בעת זייער קולטורעלע טע־טיגקייט איז נאציאנאל־אינדיווידועל.

II.

דער עקספערימענט אין אוקריינע באווייזט, אז אין דער קאפיטאליסטישער אָרדנונג האט דער קאמף פאר נאציאָנאלער אויטאָנאָמיע א ריין דעמאָנסטראַציוועו באטייט. ביי אַ סדר, וואס איז די סיבה פון יעדער פארשקלאפונג, קען ניט פאר־ווירקליכט ווערען די נאציאנאלע אויטאָנאָמיע.

די איינציגע ערבות פאר דער אמת׳ער פארווירקליכונג פון דער נאציאנאלער זעלבסטבאשטימונג איז די דיקטאטור פונ׳ם פראָלעטאריאט. לכן איז דער קאמף פאר נאציאנאלער אויטאנאמיע ענג פארבונדען מיט דעם קאמף פאר דער ראטען־מאכט.

III.

אין אונזער איבערגאנגס־תקופה, ווען עס עקזיסטירען נאך באדייטענדיגע רעשטלאך פונ׳ם קאפיטאליזם און דעם פראלעטאריאט קומט נאך אויס צו געהן אויף געוויסע הנחות מיט דעם קליין־בירגערטום, דארף די נאציאנאלע אויטאנאמיע זיך צופאסען צו אלע באזונדערקייטען פון דער דאזיגער תקופה. זי דארף ערפילען אין אַ געוויסער מאָס די פונקציעס, וואָס זי האט געזאָלט ערפילען ביי דעם קאפיטאליסטישען רעזשים, זייענדיג אַ גאראנטיע — אויב ניט געגען דער נאציאנאלער אונטערדריקונג, וואס איז אייגענטליך אוממעגליך ביי דער ראטען־מאכט, טאָ געגען דער נאציאנאלער איגנאָרירונג.

מיט דער פארשטארקונג פון דער ראטען־מאכט, ווען דער פראלעטאריאט באפרייט זיך פון דער השפעה פונ׳ם קליינבירגערטום, ווערט די נאציאנאלע אויטאנאמיע א מיטעל אויף צו ארגאניזירען די זעלבשטענדיגקייט פון די מאסען ארום די אלגעמיינע מלוכה־אויפגאבען, ווי אויך פאר דער אויסנוצונג פון די שעפפערישע מעגליכקייטען פונ׳ם פראָלעטאריאט און באפרידיגונג פון די ספעציפישע באדערפענישען פון זיין נאציאנאלער סביבה.

IV.

כדי צו באפרידיגען די באדערפענישען פון די אידישע ארבייטער אלס בירגער און כדי זיי אריינצוציהען אין אלגעמיינעם מלוכה־לעבען, וועל׳ען געשאפען ביי די פאר־שיידענע קאָמיסאריאטען אידישע סעקציעס.

מיט דער ווייטערדיגער אנטוויקלונג פון דער ראטען־מאכט, מיט דער דערנעהנ־טערונג פון די ראטען־אנשטאלטען צום אידישען לעבען, וועקט זיך ביים אידישען פראָ־לעטאריאט אויף די שטרעבונג צו באהערשען אלע פראצעסען פון דער אידישער ווירקליכקייט און צו פארענטפערען אלע זיינע פראָבלעמען ארגאניזירטערהייט און אין

אַ מלוכה־מאַשטאַב, ד. ה. די אידישע סעקציעס ווערען דורך זייער אָביעקטיווען גאַנג פון די געשעהענישען מגולגל אין אידישע ארבייטער־ראַטען.

.V

נעמענדיג אין אכט די סטיכישע אויטאָנאָמיזירונג פונ'ם אידישען לעבען, זאָגט זיך ארויס די קאָנפערענץ פאר אנ'אקטיווען אָנטייל אין די אידישע קאָמיסאַריאַטען און די אידישע סעקציעס ביי די פארשיידענע קאָמיסאַריאַטען און אָפּטיילונגען, כדי זיי איבער־צובויען אין הסכם מיט דעם לעבען פון דער אידישער באַפעלקערונג.

האַבענדיג פאר אַ פּערספּעקטיוו אידישע ארבייטער־ראַטען, שטרעבען מיר:

1) אריינצוציהען אין דער טעטיגקייט פון די סעקציע ברייטע אידישע ארבייטער־מאַסען;

2) די באַשטימונג פון די אָנפיהרענדיגע קאָלעגיעס און דעם קאָנטראָל איבער זיי דאַרף איבערגעגעבען ווערען די אידישע קאָמוניסטישע גרופּען און די אידישע סעקציעס ביי די פּראָפעס־יאָנעלע פאַראיינען;

3) צו קאָנצענטרירען די טעטיגקייט פון די סעקציעס אין די קאָמיסאַר־יאַטען, וועלכע קלייבען אויס אויף זייערע צוזאַמענפאָרען א צענטראַלען אָרגאַן;

4) פאָדערן ביי די פארוואַלטערס פון די סעקציעס און קאָמיסאַריאַטען, זיי זאָלען רעגעלמעסיג אָפּגעבען פאר ברייטע מאַסען־פאַרזאַמלונג אַ דין וחשבון איבער זייער ארבייט.

די דירעקטע אויפגאַבען פון די אידישע אויטאָנאָמע אָרגאַנען, איז די דורכפיהרונג פון דער פּראָלעטאַרישער דיקטאַטור אין דער אידישער סביבה.

זייער קאָמפּעטענץ איז: 1) קולטורעלע בילדונגס־ארבעט, 2) דאַס אָפּהיטען פון דער פאָלקס־געזונדהייט פון דער אידישער באַפעלקערונג, 3) די סאָציאַלע פארזאָרגונג פון דער אידישער אָרימקייט, 4) צוציהען די אידישע מאַסען צו פּראָדוקטיווער ארבייט און בפרט צו דער לאַנדווירטשאַפט, 5) עמיגראַציע און קאָלאָניזאַציע.

.VI

היות, ווי אין דעם גאַנג פון דער סאָציאַלער רעוואָלוציע פארלירט די עמיגראַציע איהר סטיכישען כאַראַקטער באַשטעהט די אויפגאַבע פון די אָרגאַנען פון דער נאַציאָנאַלער אויטאָנאָמיע ניט אין דער רעגולירונג פונ'ם סטי־כישען עמיגראַציע־פּראָצעס, נאָר אין דער צוגרייטונג און אָנפיהרונג מיט דער קאָנצענט־ראַציע פון די אידישע מאַסען אין פּאַלעסטינאַ.

.VII

היות, ווי די נאָרמאַליזירונג פון דער אידישער עקאָנאָמיק איז מעגליך נאָר אין אנ'אַלוועלטליכען מאַסשטאַב, זאָגט זיך ארויס די קאָנפערענץ פאר דער צונויפרופונג פון אנ'אַלוועלטליכען צוזאַמענפאָהר פון אידישע ארבייטער־ראַטען.

Nr. 6

אונזער פּאַלעסטינער טעטיגקייט

I.

דער איבערגאַנג פון דער פּאָליטישער מאַכט אין די הענד פונ'ם ארבייטער־קלאַס בייט ניט ראַדיקאַל די עקאָנאָמישע לאַגע פונ'ם אידישען פאָלק.

די אטנוויקלונג פון דער סאציאלער רעוואלוציע און דעם פערמאנענטען בירגער־קריג רואינירען די אידישע מאסע און מאכען איהר די אזוי אויך שלעכטע מאטעריעלע לאגע ניט צום דערטראָגען.

די סאמע פראדוקטיווסטע אונטערנעהמונגען פון דער ראטען־מאכט אויף דעם געביט פון עקאנאמישער פאליטיק פיהרען אומפארמיידלאך צייטענווייז דערצו, אז באדייטענדע טיילען פונ׳ם אידישען האנדווערקי און האנדעלס־פראלעטאריאט און די אידישע אָרימקייט ווערען ארויסגעשטויסען פון זייערע עקאנאמישע פאזיציעס.

די קאטאסטראָפאלע עקאנאמישע לאגע פון דער אידישער באפעלקערונג צווינגט איהר צו זוכען נייע חיונה־קוואלען.

דער איבערגאנג פון די אידישע מאסען צו ערד־ארבעט און צו דער לאנדווירטשאפטליכער קולטור בכלל ווערט א קאטעגאָרישע נויט־ווענדינקייט.

אבער אויף דעם דאזיגען וועג שטויסען זיך אָן די אידישע הארָפאשנע מאסען אויף א רייהע מניעות, וועלכע זיינען איינגעוואָרצעלט אין דער גאנצער געשיכטע פונ׳ם אידישען פאָלק, און וועלכע מען קען ניט גובר זיין אפילו ביי די גרעסטע אנשטרענגונגען פון דער אידישער באפעלקערונג און דער ארבייטער־מאכט.

די באוואוסטזיניגע אריינמישונג פון די אידישע ארבייטער־אָרגאנען וועט דארפען קאָנצענטרירען די אידישע עמיגרירענדע מאסע אין דעם איינציגען לאנד, וואו די אידישע קאָלאָניזאציע האט זיך איינגעגעבען אין לערך א ברייטען מאסשטאב, און וואו די אָרטיגע באדינגונגען געבען די מעגליכקייט צו שאפען אנ׳עקאנאמיש־נארמאלע אידישע באפעלקערונג: אין פאלעסטינא.

די סאציאליסטישע קאלאניזאציע אין פאלעסטינא, וואס איז מעגליך נאָר ביי דער דיקטאטור פונ׳ם פראלעטאריאט, וועט דארפען אדורכגעפירט ווערען דורך דער פלאנ־מעסיגער ארבייט פונ׳ם פראלעטאריאט מיט דער הילף פון די אנפיהרענדיגע אָרגאנען פון די סאציאליסטישע רעפובליקען און זייער צענטער, דער 3־טער קאָמוניסטישער אינטערנאציאנאל.

היות ווי אויף דעם וועג צו שאפען א עקאנאמישע אידישע באפעלקערונג אין פאלעסטינא שטעהט די ענגלישע אָקופאציע און אויך די פארעטערישע אידישע בורזשואזיע און איהרע אנפיהרער די ציוניסטען, איז די גאנצע ארבייט לטובת א אידישער סאציאליסטישער געזעלשאפט ענג פארבונדען מיט דעם קאמף געגען די אימפעריאליסטישע מלוכות פון דער אנטאנט.

II.

די קאנפערענץ געפינט פאר נויטיג:

1) צו פיהרען א ברייטע אויפקלערונגס־ארבעט צווישען די אידישע מאסען, פאָפולאריזירענדיג די אידעע פון שאפען א אידישע סאציאליסטישע געזעלשאפט אין פאלעסטינא.

2) צו אינפאָרמירען די ברידערליכע קאָמוניסטישע פארטייען מכח אונזערע צילען;

3) צו העלפען די אידישע מאסען איבערגעהן צו ערד־ארבייט און לאנדווירט־שאפט בכלל.

4) ענערגיש אדורכצופיהרען די ליקווידירונג פון די אידישע בירגערליכע — בפרט ציוניסטישע אינסטיטוציעס.

5) צו שאפען רויטע לעגיאָנען פאר'ן קאמף נעגען די אימפעריאליסטישע אָקופאנטען.

6) אויפצוהויבען אנ'אויפשטאנד אין אלע לענדער, וואס זיינען אָקופירט דורך דער אנטאנט און איהרע משרתים, באזונדערס אויפ'ן מזרח און בפרט אין פאלעסטינא.

ארויסגעהענדיג פון דעם עיקר־יסוד, אז די סאציאליסטישע קאָלאָניזאציע איז מעגליך נאָר ביי דער דיקטאטור פונ'ם פראָלעטאריאט און רעכענענדיג זיך מיט דעם פאקט, אז אין ראטען־רוסלאנד עקזיסטירט שוין די דיקטאטור פונ'ם פראלעטאריאט, באפולמעכטיגט די קאָנפערענץ דעם צ. ק. צוגרייטען א גענויען פלאן פון צוגרייטונגס־ארבייט צו דעם מאמענט, ווען די סאציאליסטישע קאָלאָניזאציע פון פאלעסטינא וועט ווערען מעגליך.

Nr. 7

II. דעקלאראציע פון דער איד. קאמ. פארטיי (פועלי ציון) צום 7. אלרוס־לענדישען צוזאמענפאהר פון די ראטען.

(געלייענט אויף דער ערשטער זיצונג דעם 5. דעצעמבער 1919).

דער 7. אַלרוסלענדישער ראַטען־צוזאַמענפאָהר קומט זיך צונויף אין דעם מאָמענט פון די גלענדצענסטע נצחונות פון אונזער אַרמיי אויף אלע אויסערליכע פראנטען און פאַרשטאַרקונג פון אונזער אינטערנאַציאָנאַלער לאַגע. דער דאזיגער קאָנגרעס קומט אויך פאָר אין דעם מאָמענט פון גערדאנקליכען חורבן פון אלע פשרה־אילוזיעס און בעת דער נצחונ'דיגער קאמוניזם ווערט וואס ווייטער אַלץ מעהר פאַרשטאַרקט. די פלאמען פונ'ם בירגער קריג כאַפען אַרום אלץ נייע מדינות; עס וואַקסט די רעוואָלו־ציאָנערע אַקטיוויטעט פון די ארבייטענדיגע מאַסען אין אייראפע און אַמעריקע, וועלכע ווענדען אָן דעם מיטעל פון „דירעקטער אַקציע". די בורזשואַזיע און דער פראָלעטאַריאַט באַוואפנען זיך איינע אַנטקעגען די אַנדערע צו אַ לעצטען קאַמף אויף לעבען און טויט און דער 3. קאמוניסטישער אינטערנאציאנאל ווערט אַ פיהרענדיגע צענטער פונ'ם פראלעטאַרישען קאַמף.

דער 7. קאָנגרעס פון די ראַטען וועט מוזען פאַרענטפערען אַ גאַנצען סכום פון גאַנץ חשוב'ע שאלות. און קודם כל די שאלה פון שלום און דעם אינווענינגסטען אויפבוי פונ'ם לאַנד. מיט אַ באַזונדערען ישוב הדעת וועט מען זיך מוזען אָפּשטעלען אויף דעם קאַמף גענען דעם הונגער, די קעלט, די חולאת'ן און אנדערע פועלי־יוצא'ס פון דעם עקאָנאמישען פונאנדערפאַל, וואס זיינען די גרעסטע און שווערסטע מניעה אויף דעם וועג צו דער פארפעסטיגונג פון דער סאָוויעט־מלוכה. אַקעגען די דאָזיגע קרענק איז דא נאר איין תרופה: ארייגגיסען אין דעם אָרגאַניזם פון די סאָוויעטען נייע קאָמוניסטישע כחות און צוציהען ברייטע טיילען פון דער ארבייטערשאַפט צו דער הנהגה פון דעם מלוכה־אפאראט.

די נאציאָנאלע פראגע די נגע צרעת פון דער קאַפּיטאַליסטישער אָרדנונג מוז געפינען איהרע רעוואָלוציאָנערע פאַרענטפערונג אויף דעם 7־טען קאָנגרעס פון די ראַטען.

דער ארבייטער־קלאַס פון די הערשענדיגע פעלקער האָט זיך נאָך ניט אינגאַנצען באפרייט פון אַ סך בורזשואַזיע פאַראורטיילען אין דעם פרט פון דער נאַציאָנאלער פראַגע. אויב די פּאָליטיק פונ'ם אימפּעריאַליזם ווערט באגלייט פון אַ מין נאַציאָנאלער שנאה, ווערט די פּאָליטיק פון ראַטען־רוסלאַנד באגלייט פון אַ מין נאַציאָנאלער אפּגעלאָזענקייט. דער זאַץ פון דער ראַטען־קאָנסטיטוציע מכח זעלבסטבאשטימונגס־רעכט האט נאך ניט געפונען זיין ממשות'דיגען אויסדרוק אינ'ם לעבען דאס גיט די מעגליכקייט דער בורזשואַזיע פון די נאַציאָנאלע מינדערהייטען אויסצונוצען די רעוואָלוציאָנערע באוועגונג אין זייערע אייגענע קלאַסען־אינטערעסען. די באציהונג פון סאָוויעט־רוסלאנד צו די קירגיזען און באַשקירען איז אַ טראָט פאָרויס.

דער 7. קאָנגרעס פון די ראַטען מוז מאכען אַ סוף צו אַזאַ מין שעדליכער פּאָליטיק די נאציאָנאלע זעלבסטבאשטימונג פון דער ארבייטענדיגער מאַסע אין דער אָדער יענער נאציאָנאליטעט דאַרף דורכגעפיהרט ווערען דורך דער פּאָליטישער דיקטאַטור פון דער דאָזיגער נאַציאָנאליטעט. דאס איינינגע, ניט צוטיילטע רוסלאַנד מוז אָפּטרעטען דעם אָרט פאַר אַ פרייע פעדעראַציע פון פּראָלעטאַריאַט נאַציעס. די אידישע ארבייטער־מאַסען דאַרפען באַזונדער זיין פּאַראינטערעסירט אין דעריין, ווארום זייערע נאַציאָנאַלע אינטערעסען ווערען ניט אַנערקענט. די קאַמיסאריאַטען ווערען פארוויאַנעט אין דער אַטמאָספערע פון ביוראָקראטיזם. די דיקטאַטור פון דעם אידישען פּראָלעטאריאַט אויף דער אידישער גאַס ווייזט זיך דורך קיין זאַך ניט אַרויס.

די איד. קאָמ. פּאַרטיי (פּועלי ציון) דערקלערט אינ'ם נאמען פונ'ם אידישען פּראָלעטאריאַט, אַז זי איז בטוח אין דעריין, דאס דער 7־טען קאָנגרעס פון די ראַטען וועט די אידישע ארבייטער מאַסען געבען די מעגליכקייט צוצוטרעטען צו דעם אויפבוי פון זייערע אויטאָנאמע פּראָלעטאַרישע אָרגאַנען, די אידישע ארבייטער־ראַטען. אויף זייער חלק ווערט אויספאַלען די אויפגאבע צו באפרידיגען די עקאָנאָמישע און קולטורעלע באַדערפנישען פון די אידישע ארבייטער־מאַסען.

נאָר די אידישע אַרבייטער־ראַטען אַליין וועלען זיין ביכולת אוועקצושטעלען די אַלטע אנגעוועהטאָגטע אידישע פראַגע אין איהר גאַנצען הקף אויף דעם סדר היום פון דער פּראָלעטאַרישער וועלט־רעוואָלוציע.

די עקסטעריטאריאַליטעט פונ'ם אידישען פאלק איז די סיבה פון דער ניט־נאָרמאַלער אַנטוויקלונג פון זיין עקאנאמישער און קלאַסען־סטרוקטור, זי האט באַגרענעצט די מעגליכקייטען פון קלאַסען־קאַמף און קלאַסען־דערגרייכונגען פונ'ם אידישען פּראָלעטאריאַט. דער חורבן, וואס די וועלט־מלחמה האט געבראכט, האט זיך מיט אַ באַזונדערען כח געווירקט אויף דעם אידישען לעבען. דער פאנאַנדערפאל פון דער קליינער פּראָדוקציע, וואו ס'זיינען על פּי רוב קאָנצענטרירט די אידישע מאַסען האט אַרויסגערופען אַ שרעקליכען דלות און אַרבייטס־לאָזיגקייט.

דער אַנטיסעמיטיזם, דער ווילדעסטער און ערגסטער אויסדרוק פונ'ם זאָאָלאָגישען שאָוויניזם, בושעוועט מיט אַ באַזונדערער ווילדקייט אין די טעג פון דער גרויסער בירגער־

מלחמה. די אידישע פאגראמען, דער אַלטער אויסגעפּרובטער מיטעל פון דער קאנטער־רעוואלוציע, זיינען תמיד די באַגלייטער פון אַלע ווייסגווארדיסטישע באַנדעס. הונדערטער אידישע שטעדט און שטעדטלאַך זיינען חרוב געווארען ביז אויפ׳ן גרונד און הונדערטער טויזענדער אידישע לעבענס זיינען אכזריות׳דיג אויסגעראטען געווארען פון די ווייסע גווארדייצעס אין אוקריינע, פוילען און ליטאַ.

אַפילו די סאַמע פּראָגרעסיווע עקאנאמישע אונטערנעהמונגען פון דער ראַטען־מאַכט ווייזען זיך אַרויס אין דער פּראַקטיק אַלס מסוכנ׳דיגע פאַר די ברייטע אידישע מאַסען; זיי שטויסען זיי אַרויס פון זייערע עקאָנאָמישע פּאָזיציעס און גיבען זיי דערוויל גארנישט אויפ׳ן אָרט פון די דאזיגע פארלאָזענע פּאָזיציעס.

דער דערנעהרונגס־קריזיס, וואס עס לעבט איצט איבער דאס לאַנד, לאָזט זיך פיהלען באַזונדערס טיעף צווישען דער אידישער באַפעלקערונג, דאס רוב אַ שטאדטינער, וואס איז אין גאַנצען איזאָלירט פון דאָרף און אָפּגעריסען פון דער ערד.

דאס אַלץ רופט אַרויס אַ סטיכישע שטרעבונג פון די אידישע הארעפאשנע און דעקלאַסירטע מאַסען צו נייע פאָרמען פון פּראָדוקטיווער ארבייט און פאַרשטאַרקט זייער נטיה צו ערד־אַרבייט.

די אידישע ארבייטער־ראַטען זיינען די, וואס דארפען געבען אַנ׳ענטפער אויף די מאַטעריעלע און גייסטיגע נויטען פון די אידישע אַרבייטענדע מאַסען. די אידישע אַרבייטער ראַטען דאַרפען שאַפען די נייע אידישע פּראָלעטאַרישע קולטור, איבערבויען די פאָלקסשול אויף דעם ארבייטס־פּרינציפּ אַריינציהען די ברייטע אידישע מאַסען אין דעם פּראָדוקטיווען לעבען פונ׳ם לאנד, שאַפען לאַנדווירטשאַפטליכע אַרבייטס־קאָמונעס, באַהערשען דעם סטיכישען פּראָצעס פון דער אידישער עמיגראַציע און ארגאניזירען און איבערבויען דאס גאנצע אידישע לעבען אויף נייע קאָמוניסטישע יסודות.

פון דעסטוועגען קענען די רייך־געוואָרענע באדערפעניסען פון די אידישע מאַסען נאר צום טייל פאַרענטפערט ווערען אויף די טערריטאריע פון דער ראַטען־רעפּובליק.

צוזייט און צושפרייט איבער דער ווייטער טערריטאריע פון דער רעפּובליק וועלען די לאַנדווירטשאַפטליכע קאמונעס נ׳ט קענען באַפרידיגען די מאַסען־באַדערפעניש אין דער קאנצענטרירטער קאמוניסטישער קאלאניזאציע. לכן זיינען די אידישע מאַסען געצוואונגען ווייטער צו עמיגרירען קיין פּאַלעסטינא, וואו ס׳איז שוין געלעגט אַ פעסטער יסוד פאר דער קומענדיגער אידישער קאמוניסטישער געזעלשאַפט.

די אידישע קאמוניסטישע פּארטיי (פּועלי ציון) האלט פאר נויטיג צו ערקלערען לפני דעם 7־טען אלרוסלענדישען ראטען־קאנגרעס, אז די אידישע מלוכה, וואס איז פּראָקלאמירט דורך די מלוכות פון דער אנטאנט, שטעהט אין א שארפער סתירה צו די אינטערעסען פון דער אידישער ארבייטער־קאלאניזאציע אין פּאלעסטינא, און זי רופט דעם אידישען פּראלעטאריאט פון דער גאנצער וועלט צו פּראָטעסטירען און אקטיוו געגענווירקען דער געפעהרליכער אוואנטורע.

די אידישע קאמוניסטישע פּארטיי שטרעבט צו ווערען דער אוואנגארד פון דער קאמוניסטישער באוועגונג אויף דעם נאָהנטען מזרח, צו ארגאניזירען סעקציעס פונ׳ם 3־טען אינטערנאציאנאל אין פּאלעסטינא, כדי איינאיינעם מיט די סעקציעס פון אנדערע

פעלקער פון מזרח אנצופיהרען דעם קלאססען־קאמף און נאציאנאל־רעוואלוציאנערען אויפשטאנד געגען דער הערשאפט פונ'ם אלוועלטליכען אימפעריאליזם. די אידישע קאמוניסטישע פארטיי (פועלי ציון) האפט, אז דער 7. אלרוסלענדישער ראטען־צוזאמענפאהר וועט אריינברענגען אין חשבון די ראָלע און דעם באטייט פונ'ם אלוועלטליכען אידישען פראלעטאריאט, ווי א קאמוניסטישען אוואנגארד פונ'ם נאהענטען מזרח און וועט איהם מיט אלע מיטלען אונטערשטיצען אינ'ם קאמף מיט'ן ענגלישען אימפעריאליזם פאר דער פארווירקליכונג פון דער קאמוניסטישער געזעלשאפט אין פאלעסטינא.

די אידישע קאמוניסטישע פארטיי (פועלי ציון), וואס איז די פארטיי פון דער אקטאבער־רעוואלוציע אויף דער אידישער גאס, איז גליקליך צו באגריסען אין דעם אויסערגעוועהנליכען פייערליכען רגע דעם רוסישען רעוואלוציאנערען פראלעטאריאט, פארקערפערט אין דעם 7. אלרוסלענדישען ראטען־צוזאמענפאהר און ווינשט דעם צוזאמענפאהר א ערפאלגרייכע פארענטפערונג פון די אלע פראגען, וואס שטעהען אויפ'ן סדר היום פון פראלעטארישען קאמף און אויפבוי.

זאל לעבען די רוסלענדישע סאציאליסטישע פעדעראטיווע ראטען־רעפובליק!

זאל לעבען די זיגרייכע רויטע ארמיי!

זאל לעבען דער 3. אינטערנאציאנאל!

זאל לעבען די וועלט־רעוואלוציע!

(איבערזעצט פון „נאקאנונע" נום. 2—3, האמעל, 15. פעברואר 1920).

III. רעזאלוציעס פון פארטיי־ראט

(מאָסקווע, דעם 9.—15. סעפטעמבער 1920)

Nr. 8

וועלט־פארבאנד.

I.

איסהערענדיג די אינפארמאציעס איבער דעם גאַנג פון דער וועלט־קאנפערענץ פון „פועלי ציון" און רעכענענדיג:

1) אַז די שאפונג פון דער אידישער קאָמוניסטישער פארטיי (פועלי ציון) אין רוסלאנד, איהר עקשנות'דיגער קאמף אין אַ משך פון אַ יאָהר, די שאפונג פון וויענער אָ. ב., האבען רעוואלוציאניזירט די אלוועלטליכע פועלי ציון־באוועגונג און האָבען געבראכט צו דער פאראייניגונג פון איהרע אַלע רעוואלוציאנערע עלעמענטען אינ'ם נייעם „וועלט־פארבאנד";

2) אז דער נייער „וועלט־פארבאנד" איז א מיטעל צו שאַפען אנ'אלוועלט־ליכע אידישע קאָמוניסטישע פאַרטיי;

באשטעטיגט דער פארטיי־ראַט דעם אריינטריט פון אונזערע פארשטעהער אין פארבאנדס־ביורא.

II.

אין „וועלט־פארבאנד" שטעהט פאר דער פארטיי די אויפגאבען פון

רעוואלוציאניזירען זיינע אלע טיילען און צוגעבען איהם א קלאָר אויסגעשפּראָכענעם קאָמוניסטישען כאַראַקטער.

ארויסגעהענדיג דערפון פאדערט די איד. קאָמוניסטישע פארטיי (פועלי־ציון) פונ'ם פארבאנדס־ביוראָ פאלגענדעס:

1) די אידישע סאציאל־דעמאָקראַטישע אַרבייטער פאַרטיי (פועלי ציון) אין רוסלאנד דארף אויסגעשלאָסען ווערען פונ'ם „וועלט־פארבאנד".

2) אין פארבאנדס־ביוראָ טאָרען ניט דערלאָזען ווערען יענע פארטיי־פיהרער, וועלכע האבען זיך קאמפּראמעטירט מיט דעם קאמף נעגען די קאָמוניסטישע פראקציעס אין זייערע פארטייען.

3) דער נייער פארבאנד דארף אויפ'ן רעוואלוציאנערסטען אופן זיך אָפּ־גרענעצען פונ'ם אלטען פארבאנד אויף אלע געביטען פון זיין טעטיגקייט, בפרט אויף דעם פּאָלעסטינישען געביט.

4) דאס פארבאנדס־ביוראָ דארף אונטערשטיצען און אָרגאניזירען אלע קאָמוניסטישע פראַקציעס אין די לענדער, וואו ס'איז נאך ניט פארגעקומען די פולע פּאָליטישע דיפערענצירונג אין די פארטיי־מאַסען. וואס איז נוגע צו די שכנות'דיגע צו רוסלאנד קאפּיטאליסטישע לענדער, דארפען דאָרטען פון די עקזיסטירענדע פארטייען (פועלי ציון) געשאפען ווערען קאָמוניסטישע פאַרטייען.

5) בנוגע פאלעסטינאַ דארף דאס פארבאנדס־ביוראָ אָננעהמען אלע מיטלען צו אָר־גאניזירען די סאציאליסטישע פארטיי פון פאלעסטינא אזוי, אַז זייענדיג אַ טעררימאריאַלע פארטיי פון פאלעסטינא, זאל זי אריין אין דער אייגענער צייט אין „וועלט־פארבאנד" אלס א טייל פון איהם.

6) די באציהונגען צווישען דער סאציאליסטישער פארטיי אין פאלעסטינא (פועלי־ציון) און „אחדות העבודה" דארפען זיין איינגעשטעלט לויט די אלגעמיינע כללים פונ'ם 2. קאנגרעס פון 3. אינטערנאציאנאל, וואס באשטימען די באציהונגען פון די קאָמוניסטישע פארטייען צו די געהעריגע אָרגאניזאציעס.

Nr. 9

פאלעסטינא־ארבעט.

I.

נעהמענדיג אין באטראַכט, אז דער וואוקס פון דער אידישער ארבייטער־עמיגראציע קיין פאלעסטינאַ שטעלט פאר'ן אידישען פּראָלעטאריאט אַ רייהע קאנקרעטע אויפ־גאַבען, פון וועמעס ערפילונג עס איז אָפּהענגיג די פארשטארקונג פונ'ם אידישען ארבייטער־עלעמענט און זיין רעוואלוציאנערען קאמף אינ'ם לאנד, באשליסט דער פארטיי־ראַט אַקטיווו אונטערצושטיצען דעם נייעם וועלט־פארבאנד אין זיין פאלעסטינא־אַרבייט דורכדעם, וואס מען וועט דורכפיהרען אין לעבען די אונטערנעהמונגען, וואס זיינען מעגליך ביי די תנאים פון די ראַטען־לענדער.

II.

די אנטוויקלונג פון דער רעוואלוציאנערער באוועגונג אויף דעם מזרח, דער צוזאַמענפאָהר פון די מזרח־פעלקער אין באַקו שטעלט פאַר דער איד. קאמוג. פארטיי (פועלי־ציון) די פאָלגענדע ארבייטען אין פאלעסטינא און נאהענטען מזרח:

1) אָרגאניזירען די רעוואלוציאנערע פראפאגאנדע צווישען די אידישע און אראבישע מאַסען.

2) פארשטארקען די רעוואלוציאנערע עלעמענטען פונ'ם אידישען פראלעטאריאט אין פאַלעסטינא.

3) העלפען די חברים ארביטער אין פאלעסטינא אין זייער רעוואלוציאנערען קאמף געגען די אימפעריאליסטען.

צוליב דעם באשליסט דער פאַרטיי־ראַט:

א) אויסטיילען פונ'ם צ. ק. אַ פאלעסטינא־ביוראָ פאר רעגולירען און דורכ־פיהרען אין לעבען די פראקטישע התחלות פון דער פאלעסטינער ארבייט.

ב) פארגרעסערען דעם ארבייטער־עלעמענט אין פאלעסטינא מיט פרישע רע־וואָלוציאָנערע כחות.

ג) העלפען די חברים אין פאלעסטינא ארויסגעבען בראָשורען, צייטונגען און זשורנאלען אויף אידיש און אראביש, כדי צו באקענען די ארבייטער מאַסען אין פאלעסטינא מיט'ן קאָמוניזם און די פרינציפען פון ראַטען־בויאונג.

ד) צומרעטען שאפען א רייהע געניטע אינסטרוקטארען, וואס זיינען גוט באקאנט מיט די פראגען פונ'ם מזרח.

ה) פארבינדען זיך מיט די קאָמוניסטישע אָרגאניזאציעס פון די שכנות'דיגע לענדער פון פאלעסטינא, עגיפטען און סיריען.

ו) איינשטעלען א קאנטאקט מיט די מזרח־אָפטיילונגען פונ'ם קאָמוניסטישען אינטערנאציאנאל.

ז) שאפען אין די לענדער פון דער אידישער עמיגראציע (פוילען, רומעניען עסטרייך און אנד.) אינפארמאציע־ און אגיטאציע־ביוראָען פאר דער ברייטער קאָמוניסטישער פראפאגאנדע צווישען די עמיגרירענדיגע אידישע מאַסען.

ח) איינשטעלען א שטענדיגע פארבינדונג מיט פאלעסטינא דורך שיקען דעלע־גאַציעס און אָרגאניזירען א ספעציעלע פארשטעהערשאפט פון די פאלע־סטינער חברים ביים צ. ק.

Nr. 10

אידישע פראלעטארישע זעלבסטפארוואלטונג.

די לעצטע געשעהענישען אויפ'ן פראנט, דער אויפבוי פון דער ראטען־מאכט אין דעם אידישען התום־המושב פאדערט די דרינגענדע שאפונג פון ארגאנען פון דער אידישער פראָלעטארישער זעלבסטפארוואלטונג. לכן רופט דער פארטיי־ראט דעם אוואנגארד פונ'ם אידישען פראלעטאריאט, זיין קאָמוניסטישע פארטיי, אנצושטרענגען אלע זיינע כחות, כדי צו פארווירקליכען דעם ראטען־אויפבוי אויף דער אידישער גאס.

אין הסכם מיט דער רעזאָלוציע פון דער צווייטער פארטיי־קאנפערענץ, לעגט פאַר דער פארטיי־ראט אלע אָרגאניזאציעס תיכף צוטרעטען צו ענערגישער ארבייט אויף דעם געביט פון צונויפרופען אומפארטייאישע אידישע ארבייטער־קאָנפערענצען, אויף וועלכע עס דארפען באהאנדעלט ווערען אלע אָנגעוועהטאָגטע פראגען פון דער אידישער ווירק־ליכקייט, און וועלכע דארפען ארויסווייזען די גרייטקייט פונ׳ם אידישען ארבייטער־קלאס טויען זיינע ארבייטער־ראטען.

שטרעבענדיג צו דער גרעסערער קאָנצענטרירונג פון רעוואָלוציאָנערער ענערגיע און איניציאטיוו פונ׳ם אידישען פראלעטאריאט, געפינט דער פארטיי־ראט פאר נויטיג צונויפרופען געגענדי און אלרוסישע־ארבייטער־קאָנפערענצען.

אונטערשטרייכענדיג דעם ביוראָקראטישען כאראקטער און פולע ניט־טעטיגקייט פון די עקזיסטירענדע אידישע ראטען־אָרגאנען, לעגט אוועק דער פארטיי־ראט אויף אלע אָרגאניזאציעס דעם חוב צו פארשטארקען די טעטיגקייט אין די דאזיגע אָרגאנען, שטעלענדיג זיי אונטער דעם קאנטראָל פון די ברייטע אידישע הארעפאשנע מאסען. דערצו דארפען די פארוואלטער מיט די אידישע סעקציעס פעריאָדיש אָפגעבען עפענט־ליכע באריכטען.

כדי צו קאָנצענטרירען די טעטיגקייט פון די אידישע ראטען־אָרגאנען, איז דורכאויס נויטיג תיכף צונויפרופען, ווי אין צענטער, אזוי אויך אין דער פראָווינץ די פלענומס פון די אָנפיהרענדע קאָלעגיעס, וועלכע דארפען אויסארבייטען די אלע אונטערנעהמונגען פון ראטען־בויאונג אויף דער אידישער גאס אינ׳ם אלרוסלענדישען מאסשטאב.

דער פארטיי־ראט מאכט דעם צ. ק. אויפמערקזאם אויף דער נויטיגקייט אָנצונ־נעהמען די געהעריגע מיטלען, כדי צו אָרגאניזירען די פארשטעהערשאפט פון דעם אידישען ארבייטער קלאס אינ׳ם פאָלקס־קאָמיסאריאט פאר נאציאנאלע ענינים אין הסכם מיט דעם מאַי־דעקרעט וועגען רעקאנסטרואירונג פון דעם דאָזיגען פאָלקס־קאָמיסאריאט.

Nr. 11

וועגען קולטור־ארבייט.

דער פארטיי־ראט באשליסט:

1) רופען אלע חברים אקטיוו אנטייל צו נעהמען אין דער ליקווידירונג פון עם־הארצות און פארשפרייטונג פון פראפעסיאנעל־טעכנישער בילדונג צווישען די אידישע מאסען.

2) צוגרייטען דעם באָדען פאר פארוואנדלען די אידישע סעקציעס פון פאָלקס־קאָמיסאריאטען פאר בילדונג אין געזעלשאפטליך־פראָלעטארישע אָרגאניזאציעס, וועלכע פיהרען אויס די קולטורעלע בילדונגס־פונקציעס, אין אָרגאנען פון אידיש־פראָלעטארישער זעלבסטפארוואלטונג.

3) שאפען קאָמוניסטישע גרופען אין די עקזיסטירענדע אידישע פראָלעטארישע קולטור־אנשטאלטען.

Nr. 12

די באציהונג צו אנדערע אידישע קאמוניסטישע גרופירונגען.

דער פארטיי־ראַט באשליסט:

1) אַז די אידישע סעקציעס און די אידישע אפטיילונגען ביי דער קאמוניסטישער פארטיי פון רוסלאַנד און קאמוניסטישער פארטיי פון אוקראינע זיינען ארגאניזאציעס, וואס גרופירען נים ארום זיך דעם אידישען פראלעטאריאט. זייער טעטיגקייט איז אנגעווענדט איינגאנצען צו ליקווידירען די אידישע ארבייטער־באוועגונג און איז געגען דער זעלבסט־טעטיגקייט און רעוואלוציאנערער איניציאטיוו פון די אידישע הארעפאשנע מאַסען.

2) אז דער קאָמוניסטישער בונד, אפטרעטענדיג פון די רעזאָלוציעס פון זיין לעצטער קאנפערענץ, פּאסט זיך צו און אָריענטירט זיך אויף דער ליקווידאַטארישער פאליטיק פון די אידישע סעקציעס און אידישע אפטיילונגען און אויף אזא אופן פארלירט ער דעם כאראקטער פון א זעלבסטשטענדיגער אידישער אָרגאניזאציע.

3) לכן בלייבט די איד. קאָמונ. פאַרטיי (פועלי ציון) דער איינציגער קאמוניסטישער צענטער פון דער אידישער אַרבייטער באוועגונג. דער פארטיי־ראט האַלט פאר זיין חוב צו רופען אלע ארגאניזאציעס, פארשטארקען און אנטוויקלען אַ ענערגישע ארבייט אויף אלע געביטען פון דער אידישער ווירקליכקייט אין הסכם מיט די רעזאָלוציעס פון דער לעצטער קאָנפערענץ און לויט די אנווייזונגען פון פארטיי־ראַט.

Nr. 13

וועגען ס.־ד. (פועלי ציון)

1) דאָס אוועקגעהן פון דער קאמוניסטישער פראקציע פון דער אידישער ס.־ד. ארבייטער פארטיי (פועלי ציון) אויפ׳ן 5. פארטיי־טאג און איהר פאראייניגונג מיט די איד. קאמונ. פארטיי (פ״צ) האט פארענדיגט די דיפערענצירונג אין די פארטייאישע מאסען פון אונזער באוועגונג און האט קלאר אונטערגעשטראָכען דעם אפארטוניסטישען און קליינביר־גערליכען כאראקטער פון די ס.־ד. (פ״צ).

2) די „לינקע, כמעט קאמוניסטישע" רעזאלוציעס, וואס זיינען אנגענומען געווארען אויפ׳ן פארטיי־טאָג, וואס זיינען דער היפוך פון דער פראקטישער ליניע פון די פיהרער פון ס.־ד. (פ״צ), זיינען א נייער פרוב פון זייער צד איינצוהאלטען אין זייערע רייהען אייניגע ניטבאוואוסטזיניגע אידישע ארבייטער־עלעמענטען.

ארויסגעהענדיג דערפון באשליסט דער פארטיי־ראט צו פיהרען אנ׳אגיטאציע צווישען די געבליבענע ארבייטער־עלעמענטען אין דער ס.־ד. (פ״צ), כדי קלאר צו מאַכען פאר זיי דעם גאנצען אָפארטוניסטישען און ליקווידאטארישען כאראקטער פון די ס.־ד. (פ״צ) און צוציהען זיי צו דער איד. קאמונ. פארטיי (פ״צ).

(„גאקאנונע" נומ. 4. מאסקווע, דעם 15. אקטאבער 1920)

Nr. 14

פאלעסטינא און דער בריטישער אימפעריאליזם.

דעקלאראציע,

אָפּגעגעבען צום עקזעקוטיוו־קאָמיטעט פונ'ם 3. אינטערנאציאנאל און דער סאָוויעט־רעגירונג פון די פועלי־ציון־מיטגלידער און דער דעלעגאציע פונ'ם קאָנגרעס פון די מזרח־פעלקער אין באַקו.

בראש פון די קאָלאניאלע רויבער, וואס פארשקלאפען די מזרח־פעלקער, שטעהט די ענגלישע בורזשואזיע. די אינטערעסען פונ'ם ענגלישען אימפעריאליזם פאדערן, אַז מעסאפאטאַמיען און סיריען זאלען שטעהן אין ענגלאנדס רשות, כדי צו פאראייניגען אינדיען מיט עגיפטען און דורכדעם אויך מיט דער מעטראפאליע. די גינציגע געאָגראפישע לאגע פון פאַלעסטינא מאכט זי טייער אין די אויגען פון די ענגלישע אימפעריאליסטען, וועלכע שטרעבען אפען צו מאכען פון איהר זייערע א קאלאניע.

די דאזיגע שטרעבונג שטויסט זיך אבער אָן אויף אַנ'עקשנות'דיגען ווידערשטאנד מצד דער באַפעלקערונג פונ'ם לאנד, מחמת דעם וואס ענגלאנד איז היינט ניט בכח, ווי פריהער צו געבען איהרע קאלאניעס דעם סכום סחורות, ווייל איהרע עקאנאמישע רעסורסען זיינען אויסגעשעפט דורך דער מלחמה, און איהר פראדוקציע איז אין א געוויסער מאס חרוב געווארען. זי איז בכלל ניט ביכולת אויפצוטון עפעס לטובת אן אנדער לאנד, און לכן נעמט אָן היינט איהר קאלאניאַלע פאָליטיק א כאראקטער פון עקאנאמישען רויב און אומבאַגרענעצטען געוואלט, וואס שטיצט זיך אויף מיליטער־מאַכט.

מהי טעמא מוז די ענגלישע בורזשואזיע זוכען פארבינדעטע אין דער באפעלקערונג פון פאלעסטינא. א גאנצע רייהע פון דיפלאמאטישע טריט, אריינגערעכענט אויך דער אקט, וואס איז אונטערגעַחתמ'עט געווארען אין סאַן רעמאָ, זיינען א פלינקער מאניעווער אויף צו געווינען די סימפאטיעס פון דער אידישער באפעלקערונג פונ'ם לאנד.

לכתחילה האט די אידישע באַפעלקערונג, וואס האט איבערגעלעבט די מאוים'דיגע טראגעדיע פון דזשעמאל־פאשא, זיך באצויגען מיט א אמת'ן צוטרוי צו דער פאלשער אונטערנעהמונג און האט מקבל פנים געווען די ענגלענדער ווי בעפרייער, וואס קומען עפענען א נייע תקופה. אבער די ווייטערדיגע פאליטיק פונ'ם ענגלישען אימפעריאליזם, וואס האט זיך אויסגעדריקט אין ניט־דערלאזען די אידישע ארבייטענדיגע מאסען פון אנדערע לענדער עמיגרירען קיין פאלעסטינא מחמת דעה מורא, אז זיי זאלען ניט פאַרטראגען אַהין דעם באלשעוויזם, אין דער אפענער אונטערשטיצונג פון די עגאָאיסטישע שטרעבונגען פון די אידישע באזיצענדיגע קלאסען, — דאס אלץ האט אויסגעניכטערט די הארעפאשנע טיילען פון דער אידישער באפעלקערונג אין פאלעסטינא, וואס טרעט איצט אריין אין א ענטשלאסענעם קאמף מיט די ענגלישע אקופאנטען.

אנ'ענטפער אויף דעם האט די ענגלישע דיפלאמאטיע געגעבען דורך דעם לאנג אויסגעפרובירטען מיטעל פאר דערשטיקען יעדע רעוואלוציאנערע באוועגונג אין לאנד. זי האט אנגעהויבען פונאנדערצובלאזען די נאציאָנאליסטישע געפיהלען ביי די אידישע און אראבישע מאַסען, אָנרייצען זיי איינע אויף די אנדערע און אויף זייער ברודער־קריג בויען די הערשאפט.

די בלוטיגע געשעהענישען, וואס זיינען פארגעקומען אין פאלעסטינא באווייזען מיט א פולער קלארקייט די פארברעכערישע פאליטיק פון די ענגלישע אקופאנטען. דער אפריל־פאגראם אין ירושלים טראגט שוין א קלארען פאליטישען כאראקטער און איז א רעזולטאט פון דער פראות׳דיגער אגיטאציע פון די אראבישע עפענדים, די אגענטען פון דעם פורים־שפילער־מלך פייזעל, וואס ארבייט לויט די דירעקטיוון פון דער ענגלישער אדמיניסטראציע און „באארבייט“ דעם שטאדטיגען המון דורך ענגלישען גאלד. מען דארף אונטערשטרייכען, אז נאך 40 יאהר אידישער קאלאניזאציע אונטער דער טערקישער הערשאפט איז פאלעסטינא צום ערשטען מאל געווען דער עדות פון אידישע פאגראמען און עקסצעסען.

דער ענגלישער אימפעריאליזם האט געבראכט אין לאנד אין איינעם מיט יאך און שקלאפעריי אויך די איידעלע „בלוטען“ פון דער הויכער אייראפעאישער ציוויליזאציע. אין ירושלים האט זיך איבערגע׳חזר׳ט די אלטע באקאנטע מעשה פון די צארישע צייטען. בעת׳ן פאגראם זיינען די גאנצע צייט געשטאנען ענגלישע חיילות אונטער דער קאמאנדא פון אפיצירען, באשיצענדיג די פאגראמשטשיקעס, אנטוואפענדיג און ארעסטירענדיג די אידישע זעלבסטשוץ, בעת די אראבישע פאליציי האט געהאט א חלק אין פאגראם און אין די ראבירונגען.

די בלוטיגע פאליטיק פון די ענגליש אקופאנטען געפינט א פולע אונטערשטיצונג מצד די אראבער שייכען און פריצים, וועלכע זיינען טיף דורכגעדרונגען מיט א שנאה צו די אידישע ארבייטענדיגע מאסען, ווי צו א געפעהרליכען פאר זיי עלעמענט. די דאזיגע שנאה איז ניט נאר א רעזולטאט פון ענגלישען גאלד, נאר זי ווערט דיקטירט פון זייערע עקאנאמישע און פאליטישע קלאסען־אינטערעסען. די אידישע מאסען מאכען חרוב די פאטריארכאלע ארדנונג אין לאנד, זיי הויבען אויף די לוין־שקלאפען געגען זייערע מושלים און זיי ארגאניזירען די דארף־ארבייטער ארום דער פאדערונג פון דער נאציאנאליזאציע פון דער ערד. די אראבער שייכען און עמירען האלטען זיך פאר די געזעצליכע יורשים פון דעם סולטאנס ערד, וואס מאכט אויס אנ׳ערך 30 פראצענט פון דער גאנצער אקער־ערד אין סיריען און מעסאפאטאמיע; די אידישע ארבייטענדיגע מאסען פיהרען א קאמף פאר אפנעהמען די ערד לטובת דער איינגעבארענער און עמיגרירענדיגער ארימקייט. די דאזיגע אלע שייכען און עמירען וכדומה׳דיגע פאראזיטען זעהען אין די לאנדווירטשאפטליכע קאמונעס און פראדוציר־ארטעלען, געגרינדעט פון די אידישע ארבייטער, מסוכנ׳דיגע עקאנאמישע קאנקורענטען. די אידישע ארבייטס־ווירטשאפטען קאמוניזירען די אראבישע ארימקייט און ווייזען איהר קלאר אן דעם ארויסגאנג פון איהר פארשלקאפונג. פנים אל פנים מיט צו דאזיגער סכנה ערקלערען די באזיצענדיגע אראבישע קלאסען א אוט׳ברחמנות׳דיגען קאמף די אידישע ארבייטענדיגע קלאסען, וועלכע געפינט א פולען אפקלאנג און שטיצע ביי דעם אידישען פריץ, וואס וויל אויסווייכען דעם אידישען ארבייטער. דער אידישער קאלאניסט עקספלאאטירט די אראבישע ארימע מאסען, די ביליגע לוין־שקלאפען. די עקספלאא־טאציע פונ׳ם אראבער קבצן דורך די אידישע ערד־באזיצער גיט צו דער דאזיגער קלאסען־אונטערדריקונג א נאציאנאלע פארם און שאפט דורכדעם א גינציגען באדען פאר דער שאוויניסטישער פאנאיסלאמישער אגיטאציע.

אנ'אנדער גענטרייער פארבינדעטער פונ'ם ענגלישען אימפעריאליזם אין זיין קאָר
לאָניאלער פּאָליטיק אין פאלעסטינא איז דער בורזשואַזער ציוניזם, וואס שטרעבט, אזוי
ווי דער פאנאיסלאמיזם אויסצונוצען פאר זיינע קלאסען־אינטערעסען די באפרייאונגס־באַ־
וועגונג פון די אידישע ארבייטענדע מאַסען. פונקט ווי די בורזשואַזיע פון יעדער אונטע־
דריקטער נאַציע, שטרעבט אויך די ציוניסטישע בורזשואַזיע אונטער דער מאַסקע פון
נאציאנאלער אויפלעבונג ארויסצורייסען די מאנאפאליע אויף צו עקספלאָאטירען די אי־
דישע ארבייטענדיגע מאַסען פון די הענד פון דער פרעמדער בורזשואַזיע. דער רעאַק־
ציאָנערער כאַראקטער פון דער ציוניסטישער פּאָליטיק איז בפרט קלאר געווארען פאר
די אידישע ארבייטענדיגע מאַסען אין דער לעצטער צייט, ווען ס'האָט זיך פארשארפט
דער בירגער־קריג. די ציוניסטישע בורזשואַזיע, וואס האט פארלוירען אלע איהרע קלאַסען־
פריווילעגיעס אין דער ראַטען־פעדעראציע, געטראגען פון דער אימה פאר דעם נאהענטען
נצחון פון דער פּראָלעטארישער דיקטאַטור אין גאנץ מזרח־אייראָפּא, זייענדיג אומרוהיג
פאר דעם גורל פון די אָנגעראבירטע אוצרות, שטרעבט צו שאפען אין פאַלעסטינא א
„רעכטליך געזיכערטע היים". זי באגריסט די ענגלישע אָקופּאציע פון פאלעסטינא, ווייל
זי זעהט אין איהר אַ ממשות'דיגען כח, אויף וועלכען זי וועט זיך קענען שטיצען אין
קאמף מיט די אידישע ארבייטענדיגע מאַסען. די עמיגראציע פון די אידישע ארבייטער־
מאַסען קיין פאַלעסטינא, וואס ברענגט מיט זיך דעם רויטען שטן פונ'ם קאָמוניזם, איז
א סכנה פאר דער ציוניסטישער בורזשואַזיע, ווי פאר דעם ענגלישען אימפעריאליזם און
אראבישען פעאדאל. דערפאר העלפט זי אויף אלערליי וועגען דער אָקופּאציע־מאַכט
ניט ארייןלאזען קיין עמיגראנטען. פאר א יאהרען האט איינער פון די פיהרער פון דער
אלוועלטליכער ציוניסטישער אָרגאניזאציע, ד"ר וויצמאן, ארויסגעגעבען א האלב אָפּיציע־
לען דאקומענט וועגען דער נויטינקייט צו באגרעניצען דעם אידישען אריינפאהר אין דעם
לאנד און וועגען אונטערווארפען דעם דאזיגען ענין דעם קאנטראל פון דער בורזשואַזיע.
אויף אזא אופן איז די פּאָליטיק פון די ציוניסטען אין פאַלעסטינא אנ'אָפען רעאקציאָ־
נערע. זיי האָבען ערקלערט דארטען די שפּראַך פון די אידישע ארבייטער־מאַסען פאר
ניט בארעכטיגט, און געלד וואס איז צונויפגעקליבען געווארען פון אידישע הארעפאש־
ניקעס בכל תפוצות ארץ פאר דעם אויפבוי פון פאַלעסטינא, האבען זיי פאַרווענדט אויף
סובסידירען די אידישע פריצים און פאר בויען בעקוועמע בירגערליכע קווארטאלען אין
יפו און אנדערע שטעדט. זייער עקאָנאמישע פּאָליטיק האט געבראכט צום שרעקליכען
וואוקס פון דער אידישער ארבייטסלאָזיגקייט און אריטקייט, זיי האָבען זיך לסוף ניט
געשעמט צו שאַפען אין לאנד די אידישע לעניאָנען. די ציוניסטישע טוער שטרע־
בען צו פארוואנדלען פאלעסטינא אין א לאנד פון עקספלאָאטאַציע און ריוח.

אַרויסגעהענדיג פון דעם אויבענדערמאנטען, דארף מען מודה זיין, אז אין רעאל־
פאַט פון דער וועלט־מלחמה איז פאלעסטינא פארוואנדלט געווארען מיט דער הילף
פון אנגלא־פראַנצויזישען אימפעריאליזם, פון דעם בונד צווישען די אראַבישע עפענדים
מיט דעם אידישען קאָלאניסט און פון דער רעאַקציאָנערער פּאָליטיק פון דער ציוניסטישער
בורזשואזיע אין אנ'אַרענע פון אימפעריאליסטישען נאציאָנאליסטישען, בירגערליכען און
רעליגיעזען קאַמף. נאָר דער ענגער בונד צווישען די אידישע און אַראבישע ארבייטענ־

דיגע מאסען קען באמת באזייטיגען די דאזיגע מניעות, באפרייען דאס לאנד לעולם פון די פינסטערע רעאקציאנערע כחות און שאפען א פרייען לעבען אין פאלעסטינא.

די אידישע פראלעטארישע מאסען, וואס זיינען געצוואונגען אין דעם פראצעס פון סאציאליסטישער רעוואלוציע איבערצובויען זייער עקאנאמיק אויף נייע ארבייטס־יסודות און וועלכע שטרעבען צו עמיגרירען אין פאלעסטינא און צו קאלאניזירען דאס לאנד אויף קאמוניסטישע יסודות, גרענעצען זיך אנטשיידען אב פון דער דאזיגער אוואנטורע און שטיצען זיך אין זייער באוועגונג נאר אויף דעם אייגענעם רעוואלוציאנערען קאמף אין פאלעסטינא גופא, וועלכען זיי פיהרען פלייצע ביי א פלייצע מיט די אראבישע ארבייטענדיגע מאסען, אויף די אביעקטיווע פאקטארען פון דער וועלט־רעוואלוציע און אויף דער ברידערליכער הילף פון אינטערנאציאנאלען פראלעטאריאט אין דער פערזאן פון זיין העכסטען אנפיהרענדען ארגאן, דעם 3. קאמוניסטישען אינטערנאציאנאל.

קיין אנדערע וועגען זיינען ביים אידישען פראלעטאריאט ניטא און נאר אין דעם אונאויפהערליכען קאמף געגען דעם וועלט־קאפיטאל און אין דער אייניגקייט מיט די ארבייטענדיגע פון דער גאנצער וועלט וועט ער זיך דערשלאגען צום פולען נצחון פון זיינע אידעען.

נידער מיט די אימפעריאליסטען און זייערע בורזשואזע נאכלויפער!

זאל לעבען די ברידערליכע אייניגקייט פון די אונטערדריקטע און פארקנעכטעטע.

זאל לעבען דער שטאב פון דעם אלוועלטליכען פראלעטארישען קאמף, דער 3. אינטערנאציאנאל!

די אידישע סאציאל־דעמ. ארבייטער־פארטיי (פועלי־ציון) אין רוסלאנד.

I. פון די רעזאלוציעס פון 4. פארטיי־טאג.

(אפגעהאלטען 1—6 סעפטעמבער 1919 אין מאסקווע).

Nr. 15

די נאציאנאלע אויפגאבען פון דעם אידישען פראלעטאריאט.

די אויפגאבען פון דעם פראלעטאריאט אין דער תקופה פון דער סאציאלער רעוואלוציע בנוגע דער נאציאנאלער פראגע באשטעהען אין דער צופאסונג פון דעם פראלעטארישען קאמף און דער שעפערישער סאציאליסטישער ארבייט צו די באזונדערע לעבענס־תנאים פון די פארשיידענע פעלקער. לאזט מען ארויס די דאזיגע אינטערעסען אויס דעם אויג, קאן דאס פיהרען צו גרויסע מניעות פאר דעם נצחון פון דער סאציאלער רעוואלוציע.

נאר די פולע אומאבהענגיגקייט פון די פארשיידענע אומות איז בכח אויס־צוגלייכען די נאציאנאלע סכסוכים און צו באפרידיגען די באדערפנישען פון די ארבייטענדיגע מאסען, וואס אונטערשיידען זיך פונאנדער לויט זייער נאציאנאליטעט, צו רעגולירען די עקאנאמישע פראצעסען פון יעטוועדער אומה ולשון בהסכם מיט די

אינטערעסען פון דער סאָציאַלער רעוואָלוציע און מעגליך צו מאַכען דעם קאמף קעגען דער רעאקציע אין איטליכער נאַציע גופא. די איינציגע פארם פון אַזאַ מין אומאבהענגיגקייט פאַר די נאציאָנאלע מינדערהייטען איז די נאַציאָנאַל־פערזאנאַלע אויטאנאמיע.

נעהמענדיג אין באַטראכט:

1) אז דער חורבן פֿונ׳ם אידישען לעבען שטעלט בולט אַרויס פֿאַר דעם אידישען פּראָלעטאריאט די אויפגאַבע אריינצוברייגנען א סדר אין די פּראצעסען פון דער אידישער ווירקליכקייט;

2) אז אין דער תקופה פון דער סאָציאַלער רעוואלוציע איז דער אידישער פּראָלעטאַריאַט דער איינציגער שעפערישער עלעמענט פון דער אומה;

3) אז די אידישע קהלה האט אנגעוואָרען איהר פּראָגרעסיווען כאראַקטער און קאן שוין מעהר ניט זיין קיין לעבעדיגע פארם פאַר די שעפערישע ארבייט פון די אידישע ארבייטענדיגע מאסען;

4) אז אין דער תקופה פון דער סאָציאַלער רעוואלוציע איז אַ נאַציאָנאַלע אויטאָנאמיע נאר מעגליך אין דער פארם פון ארבייטער־ראטען;

נעפינט דער 4. ארדענטליכער פארטיי־טאג פון דער אידשער סאציאַל־דעמאָקראטישער ארבייטער־פּאַרטיי (פּועלי־ציון) פֿאר נויטיג זיך נאכאמאל ארויסצוזאגען לטובת דער פּאָזיציע בנוגע דער פֿראגע פֿון דער אידישער אויטאנאָמיע, וועלכע די פּארטיי האט אנגענומען אויף די לעצטע קאנפערענצען אין רוסלאנד, ווייס־רוסלאַנד, ליטא און אוקריינע און גיט איבער דעם צ. ק. די פולמאַכט צו קעמפֿען פאַר די אנערקענונג פון דער אידישער ארבייטער־אויטאָנאמיע און פֿאר דער צונויפֿרופֿונג פון אַג׳־אַלרוסיש־אידישען ארבייטער־קאָנגרעס.

נעמענדיג אין באטראכט, אז די אינטערעסען פֿון די אידישע ארבייטענדיגע מאסען פאדערען זייער תיכפ׳דיגע באַפֿרידיגונג, געפֿינט דער 4. ארדענטליכער פארטיי־טאג פֿון דער א. ס. ד. א. פּ. (פּועלי־ציון) פֿאר נויטיג צוצוציהען די אידישע ארבייטענדיגע מאַסען צו זעלבשטענדיגער ארבייט דורך באַשאַפֿונג פון באַזונדערע ארגאניזאציעס, וואס זאלען זיין ביכולת ווי ניט איז צו באַפֿרידיגען די באַדערפנישען פֿון די אידישע מאַסען (קולטור־ליגע, געזעלשאפט פאר דער רעגולירונג פון דער אידישער קאָלאניזאַציע און עמיגראַציע, פּאַלעסטינא אַרבייטער־קאָמיטעטען וכדומה) און אויך צו אנ׳אקטיוון אנטייל אין די נאַציאָנאלע סעקציעס ביי דעם פֿאָלקס־קאמיסאריאט פאר בילדונג.

Nr. 16

פּאלעסטינא־ארבייט.

די וועלט־מלחמה און די וועלט־רעוואלוציע האבען פֿאַרגיכערט די אינערליכע פראצעסען פונ׳ם אידישען לעבען, וועלכע פיהרען צו דער פאַרווירקליכונג פונ׳ם פּאַלעסטיניזם, און האבען באַזונדערס בולט אַנטפּלעקט דעם אינטערנאַציאנאַלען כאראקטער פון דער אידישער פראגע.

דער 4. פארטיי־טאָג, וועלכער האלט אזוי ווי פֿריהער, אז נאר די באשאפונג פֿון א סאציאליסטישער געזעלשאפט אין פּאַלעסטינא איז ביכולת צו פֿארענטפערן די

אידישע פראגע, ווייזט אן אויך דערויף, אז דער פאלעסטיניזם איז אריינגעטראטען אין דער תקופה פון זיין גיכער פארווירקליכונג. די סאציאלע רעוואלוציע, וועלכע האט דערפיהרט דעם קלאסען־קאמף ביז צו דער העכסטער מדרגה פון א קאמף פאר דער פאליטישער מאכט פונ׳ם פראלעטאריאט און פון דעם איבעראנדערשען פון דער ווירטשאפט אויף קאלעקטיוויסטישע יסודות, שטעלט דעם אידישען פראלעטאריאט בנוגע דער רעאליזאציע פון דעם פאלעסטיניזם די אויפגאבען:

א) צו פיהרען אנ׳עקשנות׳דיגען קאמף געגען דער אנטאנט, וועלכע בלאקירט רוסלאנד, כדי צו דערשטיקען די סאציאלע רעוואלוציע, וועלכע האלט אויף דורכדעם אליין די ברייטע כוואליע פון דער אידישער עמיגראציע און וועלכע באזעצט פאלעסטינא, כדי צו מאכען פון איהר אנ׳אימפעריאליסטישע קאלאניע;

ב) צו ארגאניזירען די פאלעסטינישע ווירטשאפט אויף קאלעקטיוויסטישע יסודות. כדי צו פארווירקליכען די דאזיגע צילען מוז דער אלוועלטליכער פארבאנד פון די פועלי־ציון רעוואלוציאניזירען די ארבייטער־באוועגונג אין פאלעסטינא און נעמען אין זיינע הענד די הנהגה פון דער עמיגראציע קיין פאלעסטינא. זיין ארגאניזאציע־ארבייט דארף ער שטיצען אויף אט וועלכע פרינציפען:

1) נאציאנאליזירען די ערד אין פאלעסטינא און ארגאניזירען די לאנדווירטשאפט אויף קאלעקטיוויסטישע יסודות אין דער פארם פון א ריינער ווירטשאפטליכער קאאפעראציע;

2) בנוגע דער מעליאראציע־ארבייט אין אנדערע צוגרייטונגס־ארבייטען — א וואס פולערע רעאליזאציע פון דעם פרינציפ פון קבוצות, וועלכע ווערען ארגאניזירט און געפירט פון די געווערקשאפטליכע פאראייניגונגען.

דער פארטיי־טאג אפעלירט צום אידישען פראלעטאריאט, ער זאל ענערגיש אונטערשטיצען דעם קאמף־פאנד (פ. א. פ.), וואס דארף סובווענציאנירען די פראלעטארישע אינסטיטוציעס פון פאלעסטינא.

אין דער אייגענער צייט באשטימט דער פארטיי־טאג צו גרינדען א אידישען ארבייטער־באנק אויף צו פינאנצירען די ארבייטער־אונטערנעהמונגען אין פאלעסטינא, דהיינו די לאנדווירטשאפטליכע קאמונעס, די ארבייטער־קבוצות א. א. וו. ווי אויך די ארגאניזאציעס, וועלכע באדינען די אידישע ארבייטער, וואס וואנדערן אויס קיין פאלעסטינא.

דער פארטיי־טאג באאויפטראגט דעם צ. ק. און דעם צענטראלען פאלעסטינא־קאמיטעט אויסצוארבייטען א סטאטוט פאר דעם אידישען ארבייטער־באנק און צוצוטרעטען צו זיין ארגאניזירונג.

דער פארטיי־ראט גיט איבער דעם צ. ק. די פולמאכט אוועקצושטעלען די פאלעסטינא־פראגע פאר׳ן 3. אינטערנאציאנאל מיט׳ן צוועק זיך ביי איהם צו דערשלאגען צו דער אנערקענונג פונ׳ם פאלעסטיניזם פאר דער פארענטפערונג פון דער אידישער פראגע און צו באקומען זיין מיטהילף אין דער פארענטפערונג פון די עמיגראציע־ און קאלאניזאציע־פראבלעמען פונ׳ם אידישען פראלעטאריאט.

Nr. 17

די באציהונג צו אנדערע סאציאליסטישע פארטייען.

1) אין דער תקופה פון סאָציאלע איבערקעהרענישען ווערען צווישען די אידישע מאַסען פארשטארקט די אסימילאַטאָרישע טענדענצען.

2) די אָקטאבער־רעוואלוציע האט צושטערט די עקאָנאמישע יסודות פון דעם אידישען פראָלעטאַריאט, וואס איז ביז אהער געווען פארנומען אין קליינע און אבנעשטאנענע צווייגען פון דער ווירטשאַפט. דאס האט אַרויסגערופען אַ פערצווייפעלטען קאַמף פאַר׳ן לעבען און באשאפען גינציגע אידעאָלאָגישע תנאים פאר אלע באַגעהרען צו אסימילירען און זיך צוצופאסען.

3) וואס מעהר עס קלייבען זיך אן ביים אידישען פראָלעטאריאט פאָטענציעלע כחות און וואס מעהר ער געהט אריבער צו פראָדוקטיווע און געזונטע פאָרמען פון דער ווירטשאפט, אלץ מעהר פאַרשווינדען די לעצטע רעשטלאך פון אסימילאטאָרישע אילוזיעס, און אלץ מעהר וואקסען זיך פונאַנדער די פאָזיטיווע נאציאנאלע פאַקטאָרען פון דעם אידישען פראָלעטארישען שאַפען.

4) די י. ס. ד. א. פ. (פ״צ), וואס גיט זיך אַ דין־וחשבון ניט נאר פון דעם געגעבענעם מצב פון דעם אידישען לעבען, נאר אויך פון די אינעווענינגסטע באוועגענדע כחות פון דעם דאזיגען לעבען, האט זיך געשטעלט דעם ציל צו העלפען צו שטופען די אינעווענינגסטע כחות פונ׳ם אידישען פראָלעטאַריאַט אין זייער פראָצעס פון וואַקסען. דורכדעם ווערט אויך באשטימט איהר טאַקטיק בנוגע די אנדערע אידישע סאָציאליסטישע פאַרטייען.

5) דער „בונד", וועלכער האט אין משך פון די לעצטע צעהן יאהר דורכגעמאכט אַ פאָזיטיווע אנטוויקלונג אין דער אידישער פראגע, האט זינט דער אָקטאבער־רעוואלוציע אנגעהויבען אבצוגעבען צוריק איין פאָזיציע נאך דער אנדערער און איצט האַלט ער דערביי זיך אינגאנצען אבצוזאגען פון דער נאציאָנאל־קולטורעלער אויטאנאמיע. די „פאראייניגטע" (י. ס. און ס.־ס.) האבען אינם פראָצעס פון דער סאָציאלער רעוואלוציע אינגאנצען אנגעוואָרען זייער פרצוף, האבען פארלוירען זייער נאציאנאלען תוך און נאַציאנאלען פראָגראם. דער „קאָמוניסטישער פארבאנד", וואס איז אנטשטאַנען אין אוקראינא, איז איצט לויט׳ן פארלאנג פון דער רוסישער קאָמוניסטישער פארטיי ליקווידירט און פערוואנדעלט אין אידישער סעקציע ביי דער רוסישער קאָמוניסטישער פארטיי, איז א רעזולטאַט פון דעם אסימילאציע־פראָצעס, וואס איז נאך ניט אויסגעשטאָרבען אויף דער אידישער ארבייטער־גאַס.

6) דער 4. פארטיי־טאָג פון דער י. ס. ד. א. פ. (פ״צ) האַלט, אז א פארטיי וואס שטעהט אויף דער וואַך פון דער נאציאָנאלער און סאציאלער באפרייאונג פון די אידישע הארעפאשנע מאַסען, מוז:

א) אין אלע אלגעמיינע פאָליטישע פראגען געהן אינ׳איינעם מיט יענע גרופען פון די אידישע סאָציאליסטישע פארטייען, וועלכע שטעהען אויפ׳ן באָדען פון דער דיקטאַטור פון פראָלעטאריאט און פון דער סאָציאַלער רעוואָלוציע.

ב) אין דער נאציאָנאלער פראַגע קעמפען מיט אלע מיטלען דערפאר, אז די אלע דאָזיגע פאַרטייען זאלען בולט ארויסווייזען זייער נאציאנאלען מהות, און זאלען זיך

זעלבשטשטענדיג איינשטעלען פאר די נאציאָנאלע אינטערעסען פון דעם אידישען פראָלעטאַריאַט.

ג) אויף אַזוי וויים, ווי די אנגערופענע גרופּען אין פּאַרטייען פיהרען אַ באשטימטע ארבייט אין די נאציאנאלע סעקציעס פונ'ם פאָלקס־קאָמיסאריאַט פאר בילדונג, אין די אידישע ארבייטער־ראַטען, און אנדערע געביטען פון דער אידישער ארבייטער־פּאָליטיק, טרעט אַריין די פּאַרטיי מיט זיי אין טעכנישע און געשעפטליכע אבמאַכען.

II. די רעזאָלוציעס פונ'ם 5. פּארטיי־טאג.

(אבגעהאַלטען אין מיטען סעפּטעמבער 1920 אין מאסקווע).

Nr. 18

די אינטערנאציאנאלע לאגע און דער 3. אינטערנאציאנאל.

1) נעמענדיג אין אכט, אז דער אידישער פּראָלעטאריאט האט א אייגענארטיגע עקאָנאָמישע סטרוקטור און קולטור, אז ער איז פּאקטיש פאראייניגט אין וועלט־מאסשטאב דורך זיין צוזאמענבונד מיט דעם אנטשטייענדעם אידישען ארבייטער־צענטער אין פּאלעסטינא, האלט דער 5. פּארטיי־טאג פאר נויטווענדיג, אז אין אינטערנאציאָנאל זאָל באשאפען ווערען אַ באזונדערע אידישע סעקציע. דורך איהר דארפען זיין פּאָרגעשטעלט די אידישע ארבייטער־פּארטייען און ספּעציעל די פּאליטישע אָרגאַניזאציעס, וועלכע שטעלען זיך אינטער־מלוכה'שע צילען און טראָגען אנ'אלוועלטליכען כאראקטער.

2) גלייכצייטיג דריקט אוים דער פּארטיי־טאג זיין צופרידענהייט מיט דער אנערקענונג פון דער פּאלעסטינער סעקציע מצד דעם 3. אינטערנאציאָנאל און מיט דעם איבערגעבען איהר פּאָרשטייערשאפט די פועלי־ציון.

3) נעמענדיג אין אכט די שטעלונג און די רעזאָלוציעס פון דער וויענער קאָנפערענץ פון וועלט־פארבאנד, פּאָדערט דער 5. פּארטיי־טאג דאס איבערגעבען דעם פּאלעסטינער מאנדאט אין דער דיספּאָזיציע פון וועלט־פארבאנד.

4) דער פּארטיי־טאג דריקט אוים דעם וואונש, אז דער אָרגאניזאציאָנעלער סטאטוט פון 3. אינטערנאציאָנאל זאָל רעווידירט און אויסגעברייטערט ווערען אינ'ם זין פון דער אנערקענינג פון דער שטרענגסטער דיסציפּלין ביי דער אָרגאניזירונג פון אלע קאַמפּס־ארויסטרעטונגען אין אינטער־מלוכה'שען מאַסשטאב, אָנצייכנונג פון די גרונד־פּרינציפּען פון דער רעוואָלוציאָנערער טעטיגקייט און ברייטער אויטאָנאָמיע פון באזונדערע פּארטייען, וואס געהען אריין אין אינטערנאציאָנאל ביי דער לעזונג פון אלע פראגען פון דער אָרטיגער פּאָליטיק.

5) אנטשפּרעכענד דעם, ערקלערט דער פּארטיי־טאג, אז די פּארטיי פועלי ציון וחארפט זיך אונטער אלע באשלוסען פונ'ם 3. אינטערנאציאָנאל אין די פראגען פון די אינטער־מלוכה'שע רעוואָלוציאָנערע ארויסטרעטונגען און פּאָדערט פאר זיך אויטאנאמיע אין די פראגען פון דער אידישער נאציאָנאלער פּאָליטיק.

Nr. 19

וועגן דער פאלעסטינא־פראגע.

1) די אנטוויקלונג פון דער סאציאַלער רעוואָלוציע האט פארשארפט און פאר־שנעלערט דעם טעמפּ פון דער אנטוויקלונג פון אלע סאָציאלע קאָנפליקטען. אין צו־זאמענהאנג דערמיט האָבען זיך פארשטארקט די עמיגראציע־שטרעבונגען פון אידישען פראָלעטאריאט. דער וכוח איבער דער מעגליכקייט פון עמיגראציע אין דער איצטיגער היסטאָרישער עפּאָכע איז געלעזט פאקטיש מיט דער נייער עמיגראציע קיין פּאַלעסטינאַ, אמעריקא און אנדערע לענדער. די זעהר באדייטענדע אידישע עמיגראציע קיין פאלעסטינא, וואס האט זיך אנגעהויבען די לעצטע חדשים, פון איין זייט, און די באשלוסען פון סאַן רעמאָ, וואס שטרעבען מיט דער הילף פון דער ציוניסטישער בירגערליכער אָרגאניזאציע צו פארשקלאַפען די באפעלקערונג פון ארץ ישראל צום אַלוועלטליכען קאפיטאל און פארוואנדלען דאס לאנד אין א אָביעקט פון עקספּלואַטאציע, פון דער אנדערער זייט, דאס אלץ מאכט די פאלעסטינער קאָלאָניזאציע־פּראָבלעם פאר דער נאָהנסטער און אקטועלסטער פראָבלעם פון אידישען לעבען, און גלייכצייטיג פאר א פראָבלעם פון דער וועלט־פּאָליטיק, מאכט איהר פאר א פּאָזיציע, אויף וועלכער עס שפּילט זיך אָב איינער פון די קאמפּס־עפּיזאָדען פון וועלט־קאפיטאל.

2) עס באשאפען זיך אין פּאַלעסטינאַ פאָלגענדע קלאסען־פארהעלטנישען, פאָלגענדע כוחות שטויסען זיך דאָרט צוזאמען.

א) די בורזשואַזיע פון ענגלאנד און פראנקרייך, וואס שטרעבט צו פארוואנדלען פּאַלעסטינא און סירען אין א אייגענע קאָלאָניע, מיט דעם אליין פארשטארקענדיג איהר מאכט אין די קאָלאָניאל־לענדער בכלל און איהר פּאָזיציע אין קאמף געגען סאָציאליזם. זי שטרעבט נאָר צו פארפּעסטיגען אין לאנד איהר פּאָליטישע הערשאפט און אויס־שעפּען פון דאָרט די גאנצע עקאנאמישע רייכטימער, אבער זי וויל ניט און קען ניט נעמען אויף זיך די עקאנאמישע אויפלעבונג און אנטוויקלונג פון לאנד. איהר ראָל איז א ריין רעאַקציאָנערע.

ב) די אָרטיגע גומבאזיצער, וואס שטרעבען איינצוהאלטען דעם מאָנאָפּאָל אויפ'ן פאלעסטינער באָדען און די פארשקלאַפונג פון פאלעסטינער פויערטום (פעלאכען) און ארביימער. דערפאר זיינען זיי אנטשלאָסענע געגנער פון דער אימיגראציע פון קאַפּיטאַל אין לאנד, וואס צושטערט די אלע פּאַטריאַרכאַלע באציהונגען און הויבט די באדערפּ־נישען פון די אָרטיגע ארבייטער. נאָך גרעסערע שונאים זיינען זיי פון דער אימיגראציע פון אידישע ארבייטער, וואס אָרגאניזירען די אפגעשטאנענע פראָלעטאריער פון פאלעסטינא. בכדי געגען צו ווירקען דער אימיגראציע אָרגאניזירען די פּאַלעסטינער גומבאַזיצער די אַראַביש־סירישע נאציאליסטישע באוועגונג. אונטער'ן פּאָהן פון קאַמף מיט די אָקופּאנטען און מיט דער ציוניסטישער קאָלאָניזאציע, קעמפען זיי געגען יעדען פּראָגרעס פון לאנד און בלאָזען פונאנדער די נאציאָנאלע שנאה און אנטיסעמיטיזם.

ג) די אידישע בורזשואזיע, וואס שטרעבט צוזאמען מיט דער בורזשואזיע פון די אנטאנט־לענדער און אונטער איהר שוץ צו אָרגאניזירען די עקספלואטירונג פון פּאַ־לעסטינער רייכטימער און באפעלקערונג. זי איז א רעאקציאנערער כח, אבער זי פיהרט אויס אויך א געוויסע פּראָגרעסיווע ראָל, אויף וויפיל זי שטרעבט ניט נאר פאליטיש

באהערשען דאס לאנד, נאר אויך אין איהם זיך באזעצען, ארײנלעגען דארט איהרע קאפיטאלען און אזוי אַרום מיטווירקען דעם עקאנאמישען פראָגרעס פון לאנד.

ד) די ברײטע מאסען פון דער אָרטיגער ארבײטענדער באפעלקערונג, וואס זײנען פולשטענדיג ניט אנטוויקעלט הן קולטורעל, הן פאליטיש און עקאנאמיש, זײנען שטארק אָפּגעשטאנען. זײ דינען אלס א בלינד געוועהר אין די הענד פון פארשײדענע עקספּלואַטאטאָרישע גרופען פון דער אימפּעריאליסטישער בורזשואזיע פון די אײראפּעאישע לענדער, פון די אראבישע און סירישע גוטבאזיצער און אנדערע. נאר דאן, ווען אין לאנד וועלען זײן געאײניגטע צאָלרײכע רעוואלוציאנערע עלעמענטען פון דער באפעלקערונג, וועלען זײ אָרגאניזירען די מאסען און וועלען פאַרוואַנדלען דעם בלינדען שטיצפונקט פון דער רעאקציע און א קאמפּס־גרופּע פון דער סאציאלער רעוואלוציע.

ה) דער אידישער פּראלעטאריאט, וואס עמיגרירט קײן פּאלעסטינא איז דער אײנציגער כח, וואס ברענגט דארט אַרײן די עלעמענטען פון רעוואלוציאנערען קאמף פון סאציאליזם, פון טעכנישען, עקאנאמישען און קולטורעלען פּראָגרעס. ער ווערט דער אוואנגארד פון דער סאציאלער רעוואלוציע אויף דעם נאָנטען מזרח, אלס געגענווירקונג צו די אימפּעריאליסטישע תשוקות פון דער בורזשואזיע, און די רעאקציאנערע, פעאָדאלע שטרעבונגען פון דער נאציאנאליסטיש־גוטבאזיצערישער באוועגונג אין סיריען.

3) ארויסגעהענדיג פון דער געגעבענער אָפּשאצונג פון די קלאסען־כחות פון דעם געזעלשאפטליכען פּראָגרעס אין פּאלעסטינא, באשליסט דער 5. פּארטײ־טאג אָנצונעמען דורך די פּארטײאישע אָרגאניזאציעס די נויטיגע שריט צו פארברײטערן די ארבײטער־פּאלעסטינער עמיגראציע און צו פארפעסטיגען זי מיט באוואוסטזיניגע איבערגעבענע עלעמענטען. די טעכנישע דורכפירונג פון דער דאזיגער ארבײט ווערט איבערגעגעבען דעם צ. ק.

4) אנערקענענדיג די אָבליגאטאָרישקײט און דיסציפּלין פון וועלט־פארבאנד, באשליסט דער 5. פּארטײ־טאָג אָנצונעמען אלע פארשלאגען, וואס זײנען פאראן אין דער פּראקטישער טײל פון דער פּאלעסטינער רעזאלוציע פון דער ווינער וועלט־קאנפערענץ און איבערגעבען זײ צום אויספירען דעם צ. ק.

5) תיכף דורכפירען א מאָביליזאציע פון 10 פּראָצענט חברים, וואס זאלען אָפּפאָרען קײן פּאלעסטינא.

Nr. 20

דער דין וחשבון פון דער דעלעגאציע וועגען דער 5. וועלט־קאנפערענץ.

1. אויסהערענדיג דעם באריכט פון דער דעלעגאציע פון דער פּארטײ אויף דער פינפטער אלוועלטליכער קאנפערענץ פון די פּועלי־ציון אין ווין, געפינט דער 5. פּארטײ־טאָג פון דער י. ס. ד. א. פּ. (פּועלי־ציון), אז דער וועלט־פארבאנד איז דער טרעגער פון טראדיציאָנעלען רוסלענדישען פּועלי־ציוניזם, אז ער האט אָנגענומען אונזער שטעלונג אין דער פראגע וועגען דעם 3. אינטערנאציאנאל, אז ער האט זיך געשטעלט אויף אונזער שטאנדפּונקט וועגען דער פּאלעסטינא־ארבײט, און הײסט גוט די שטעלונג פון דער דעלעגאציע אויף דער וועלט־קאנפערענץ.

2. דער 5. פּארטײ־טאָג געפינט, אז דאס פארבאנדסביוראָ דארף ארבײטען

אין פולען קאָנטאקט מיט דער „אחדות העבודה", אלס מיט דער אָרגאניזאציע, וואס פאראייניגט דעם גאנצען רעוואלוציאנערען פראלעטאריאט פון פאלעסטינא, אומאָפּהענגיג פון איהר באציהונג צום וועלט־פארבאנד, און שטרעבענדיג צו רעוואלוציאניזירען „אחדות העבודה" פון אינוועניג.

3. נעמענדיג אין אכט דעם באשלוס פון דער פינפטער וועלט־קאנפערענץ וועגען דער נויטווענדיגקייט פון א פאראייניגונג צווישען אונזער פארטיי און דער איד. קאמוג. פארטיי (פ"צ) ביי דער באדינגונג, אז די איד. קאמונ. פארטיי (פ"צ) וועט אנערקענען דעם וועלט־פארבאנד און די אָבליגאטאָרישקייט פון זיינע רעזאלוציעס פאר זיך, ערקלערט דער פינפטער פארטיי־טאָג די גרייטקייט פון דער פארטיי צו פאראייניגען זיך מיט דער איד. קאמונ. פארטיי (פ"צ) אויף פאלגענדע יסודות: א) די אנערקענונג דורך דער איד. קאמונ. פארטיי (פ"צ) דעם לינקען וועלט־פארבאנד, ב) די אנערקענונג דורך איהר פון אנ׳אקטיווער פאלעסטינא־ארבייט, פון אָבלינאטארישקייט פון די באשלוסען און רעזאלוציעס פון דער וועלט־קאנפערענץ, ג) דעם אָננעמען פאר דער פאראייניגטער פארטיי דעם נאָמען פון וועלט־פארבאנד: „אלוועלטליכער אידישער סאציאליסטישער ארבייטער־פארבאנד פועלי־ציון, רוסלענדישע סעקציע", ד) דעם באשלוס וועגען פאראייניגונג ווערט איבערגעגעבען צום אויספירען דעם צ. ק.

די ווידערפאראייניגונג פון דער פ"צ־באוועגונג.

Nr. 21

רעזאלוציע פון דער פ"צ־קאנפערענץ אין דייטשלאנד.

(אבגעהאלטען אין בערלין 6. און 7. נאָוועמבער 1920)

די קאָנפערענץ פון דער אידישער סאָציאל־דעמאָקראטישער ארבייטער־אָרגאניזאציע אין דייטשלאנד קאָנסטאטירט:

1) די פרינציפיעלע חלוקי־דעות צווישען ענטשיידענדע טיילען פון דער פועלי־ציון־באוועגונג איבער די וועגען צו דער פארווירקליכונג פון סאָציאליזם און צו דער טעריטאָריאלער פארענטפערונג פון דער אידישער פראַגע זיינען נים אזוי טיף, אז זיי זאָלען בארעכטיגען די שפּאלטונג, וועלכע איז פאָרגעקומען אויף אונזער V. וועלט־קאָנפערענץ.

2) דער 3. אינטערנאַציאָנאל איז לויט די תקנות פון זיין צווייטען קאָנגרעס א אַלוועלטליכע קאָמוניסטישע פארטיי מיט א עקסקלוזיווען כאראקטער. ביי די היינטיגע אומשטענדען וואָלט דאס אנשליסען זיך פון דער פועלי־ציון־באוועגונג אן דעם 3. אינטערנאציאָנאל, בעטייט אידעאָלאגיש און אָרגאניזאטאָריש די פולשטענדיגע ליקווידאציע פון דעם פועלי־ציוניזם. דורך די החלטות פון דעם מאָסקווער קאָנגרעס, וועלכער איז פארגעקומען אין איין צייט מיט אונזער וועלט־קאָנפערענץ, איז אראבגעפאלען דער קארדינאלער פונקט, וואס האט גורם געווען די שפּאַלטונג.

3) די דעלעגאַטען צו דער וועלט־קאָנפערענץ־זיינען דערמיט, וואס זיי האָבען דורכגעפיהרט די שפּאַלטונג אויף זייער אחריות און געשטעלט די באַוועגונג פאר א פארטיגען פאַקט, אריבערגעגאנגען די גרעניצען פון זייער מאַנדאט־קאָמפּעטענץ.

מחמת די דאָזיגע אויסגערעכענטע טעמים ווארפט אב די קאָנפערענץ די פאָרגע־קומענע שפּאַלטונג און באשליסט צו שטעהן אין חבר'שע פאַרבינדונגען מיט'ן מזרח־ און מערב־פּארבאנד פון „פועלי־ציון", אזוי ווי מיט אלע לאנד־פּאַרטייען מיט'ן צוועק צו ברענגען צו א ווידערפאראייניגונג פון דער פועלי־ציון־באוועגונג. אהן איהר איז דער פּועלי־ציוניזם פאראורטיילט צו ניט פרוכטבאַרקייט און דעגענעראציע. די קאָנפערענץ לעגט ארויף אויפ'ן צ. ק. דעם חוב אנצונעמען אלע נויטיגע שריט פאר דעם דאָזיגען צוועק.

בנוגע דער עקאָנאמישער ארבייט פון אידישען פראָלעטאריאט אין ארץ־ישראל שטעהט די פּועלי־ציון־אָרגאַניזאציע פון דייטשלאנד אין פארבינדונג מיט „משרד העבודה".

אלגעמיין־אידישער ארבייטער־בונד.

Nr. 22

I. דער בונד אין פוילען בנוגע דעם 3. אינטערנאציאנאל.

(ערקלערונג פון צ. ק.)

דאס צ. ק. קאָנסטאטירט, אז ביז היינט איז נאך ניטא פון דריטען אינטערנאציאָנאל קיין ענטפער אויף דער ווענדונג פון אונזער פארטיי — לויט'ן באַשלוס פון ערשטען פאַראייניגונגס־צוזאמענפאהר — וועגען אנשליסען זיך אן דריטען אינטערנאציאָנאל.

באַטראכטענדיג די 21 איינטריטס־באַדינגונגען און סטאַטוט, וואס זיינען אנגענומען געווארען אויפן 2. קאָנגרעס פון דריטען אינטערנאציאנאל, אַזוי ווי זיי זיינען פאַרעפענטליכט געווארען אין דער אויסלענדישער פרעסע, שטעלט דער צ. ק. פעסט:

1) אז די ביידע דאָקומענטען זיינען דורכגעדרונגען מיט איין געדאנק, — אז צום דריטען אינטערנאציאָנאל קענען געהערען נאָר אויסגעשפּראָכענע קאמוניסטישע פארטייען און אָרגאניזאציעס, בעת דער פאראייניגונגס־צוזאמענפאָהר פון „בונד" אין פוילען (אפּריל 1920) האט זיך געשטעלט אויף דעם שטאנדפּונקט, אז דער אינטערנאציאָנאל דאַרף פאראייניגען אלע רעוואלוציאָנער־סאציאליסטישע פארטייען, וועלכע אנערקענען די פּרינציפּיעלע פּלאטפאָרם פון דריטען אינטערנאציאנאל.

2) אז די איינטריטס־באַדינגונגען האבען דעם ציל אפּצוזייניגען די לינקע סאָציאליסטישע פארטייען אין אלע לענדער פון זייערע ניט־קאמוניסטישע עלעמענטען. די דאָזיגע שפּאלטונגס־פּאָליטיק איז שעדליך פאר די אינטערעסען פון דער ארבייטער־באוועגונג.

3) אז דער צענטראַליסטישער פּרינציפּ, אויף וועלכען עס זיינען געבויט דער סטאַטוט און די איינטריטס־באדינגונגען פון דריטען אינטערנאציאנאל, ענטשפּרעכט א רעאַלער באדערפעניש אין דער ארבייטער־באוועגונג אין דער איצטיגער עפּאָכע, אבער דער דאָזיגער פּרינציפּ איז דורכגעפיהרט דורכ'ן דריטען אינטערנאציאנאל אויף אַ ניט־ריכטיגען אופן. נאָר אַ צענטראַליזם, וואס איז געבויט אויף דעמאָקראַטישע יסודות — סיי אין גאנצען אינטערנאציאנאל, סיי אין זיינע באזונדערע באשטאנד־טיילען — איז מסוגל צו פארשטארקען די קאמפּס־פעהיגקייט פון דער ארבייטער־באוועגונג. דער צענטראַליזם פון די איינטריטס־באדינגונגען ענטשפּרעכט ניט דער דאָזיגער באַדינגונג.

פון אינערליכען דעמאָקראַטיזם, ווייל ער שאַפט די מעגליכקייט פאר די אנפיהרענדע אָרגאנען צו אינגאָרירען דעם ווילען פון דער מעהרהייט אָרגאניזירטע מיטגלידער.

4) די איינטריטס־באדינגונגען שאפען אב יעטווידע מיינונגס־פרייהייט אין דער פארטיי און טראגען אריין אין די רייהען פון די ארבייטער־אָרגאניזאציעס אַ צוטיילונג אויף פול־בארעכטיגטע מיטגלידער און מיטגלידער פון דער צווייטער קאַטעגאריע, וואס ווערען נאָר געדולדעט אין דער פארטיי, אבער וועלכע מען טאָר נישט, לויט די סטאַ־טוטען, פארטרויען קיין שום פאראנטווארטליכע ארבייט, ניט צוליב זייער אומפעהיגקייט, נאָר צוליב זייערע ניט געגוג קאמוניסטישע אנשויאונגען.

צוליב די אויבענדערמאנטע מאָטיווען, און שטעהענדיג אויפ׳ן גרונד פון באשלוס, וואס איז אנגענומען געווארען אויפ׳ן פאראייניגונגס־צוזאמענפאהר, האלט דער צ. ק. פונ׳ם „בונד" אין פוילען די איינטריטס־באדינגונגען פאר ניט אננעמבאַר. איבערלאָזענדיג דעם ענדגילטיגען באשלוס איבער דער פראגע דעם נאהענטסטען פארטיי־צוזאמענפאהר, באשטימט דער צ. ק. מיטצוטיילען אונזער באציהונג וועגען די איינטריטס־באדינגונגען דעם דריטען אינטערנאציאנאל, און פארטצוזעצען אויפ׳ן באָדען פון אונזער שטעלונג, די אונטערהאנדלונגען מיט איהם וועגען אנשליסען אונזער פארטיי אן דריטען אינטערנאציאָנאַל.

(אונזער שטימע, נומ. 4, אנהויב דעצעמבער 1920)

II. דער קאמוניסטישער בונד אין רוסלאנד.

החלטות פון דער 12. קאנפערענץ (שפאלטונגס־קאנפערענץ).

(מאָסקווע 12—19 אַפּריל 1920).

דעם 12—19 אַפּריל איז אין מאָסקווע, אין 2. הויז פון די ראטען פארגעקומען די 12. קאָנפערענץ פון „בונד". צוזאמען זיינען געווען 41 דעלעגאטען מיט באשטימונגס־רעכט און 21 מיט בעראטונגס־רעכט.

אין פּרעזידיום זיינען אַריין: וויינשטיין, אסתר, י. לעווין, ספעקטאר און קראסינסקי פון לינקען פליגעל, יודין און אבראַמאָוויטש פון רעכטען.

נאכדעם, ווי ס׳איז אָנגענומען געווארען די פּאָליטישע רעזאָלוציע פון דער מעהרהייט, האבען די רעכטע ערקלערט, אַז זיי פערלאָזען די קאנפערענץ און געהען אַרויס פון דער פארטיי. אַוועק זיינען 12 דעלעגאַטען.

Nr. 23

וועגען לויפענדען מאמענט און אויפגאבען פון אונזער פארטיי (אויסצוג).

14. אונטערפיהרענדיג א סך הכל צו דער ערפאהרונג פון לעצטען יאהר, קאנ־סטאטירט די 12. קאנפערענץ פון „בונד".

א) אז פון דער 12. קאָנפערענץ האָט זיך דער „בונד" פרינציפּיעל געשטעלט אויף דער פּלאַטפאָרם פון קאָמוניזם.

ב) אז דאס פּראָגראם פון דער רוסלענדער קאָמוניסטישער פּאַרטיי, וועלכע איז אין דער זעלבער צייט דאס פּראָגראַם פון דער מאכט, אנטשפּרעכט דער פּרינציפּיעלער פּאָזיציע פון „בונד".

ג) אז דער איינהייטליכער „סאָציאַליסטישער פראָנט" מיט פרינציפיעלע גענגער פון דער ראטען־מאַכט, וועלכע שטעלען אנטקעגען דעם פראָלעטאַריאַט צו זיין מאכט — איז אוממעגליך.

ד) אז ס'איז געקומען דער מאָמענט, ווען דער „בונד" קאן זיך אבזאָגען פון זיין אָפּיציעל אָפּאָזיציאָנעלע שטעלונג און נעמען אויף זיך די פאַראנטוואָרטליכקייט פאַר דער פּאָליטיק פון דער ראַטען־מאַכט.

15. דאס שליסט בשום אופן ניט אויס די מעגליכקייט און די פליכט פון אידישען פראָלעטאריאט, אריינצוטראָגען אין דער ארבייט פון סאציאליסטישער בויאונג יענע באַזונדערע שאַטירונג, וואס א'ז א רעזולטאט פון דעם באַזונדערען אַנטוויקלונגס־גאַנג פון אידישען פראָלעטאריאט, פון זיין באזונדערער לעבענס־ערפאהרונג, פון זיין אלטער געוואוינהייט צו גרויסער זעלבסט־טעטיגקייט: צו שטיצען יענע שטרעבונגען אין קאמוניסטישען לאגער, וועלכע זיינען איהם נאהענטער — די שטרעבונג וואס ווייטער אלץ מעהר צו פארברייטערען די זעלבסט־טעטיגקייט פון די מאסען, וועלכע איז ענג פארבונדען מיט דער פרייהייט ארויסצוזאגען יעדע מיינונגען פאר אלע טיילען פון פראָלעטאַריאַט, וואָס פיהרען דעם אַקטיווען קאמף פאר דער סאָציאליסטישער רעוואָלוציע און פאַר דער דיקטאַטור פון פראָלעטאריאט.

16. פאר'ן „בונד", פאַר דער רעוואָלוציאנער מאַרקסיסטישער ארגאַניזאַציע פון אידישען פראלעטאַריאַט, ליגט די גרויסע היסטאָרישע אויפגאַבע דורכצופיהרען די דיקטאַטור פון פראָלעטאַריאַט אין דער סביבה, וואו ער איז געבוירען און אויסגעוואקסען געווארען און וואו ער האט צוערשט אנגעצונדען דאס ליכט פון וויסענשאפטליכען סאציאַליזם און אויפגעהויבען דעם שווערד פון קלאַסען־קאמף. די 12. קאָנפערענץ דריקט אויס איהר איבערצייגונג, אז אַרום דעם „בונד" וועלען זיך קאנצענטרירען און צוזאַמענשמידען אַלע רעוואָלוציאָנערע טיילען פון אידישען פראלעטאריאט, וואס זיינען דורכגעדרונגען מיט'ן פעסטען ווילען צו פאַרווירקליכען זייער אַנטייל אין דער גרויסער היסטאָרישער אַרבייט פון גאנצען אַלרוסלענדער פראָלעטאַריאַט, ווי א פעסט געשלאָסענע אָרגאניזירטע קראַפט אונטער דער פאהן פון קאָמוניזם.

*

אין דער רעזאָלוציע „וועגען דער אָרגאניזאציאָנס־פראגע" ווערט געזאָגט פאָלגענדעס:

Nr. 24

די 12. קאָנפערענץ פון „בונד" ערקלערט, אַז דער „בונד" געהט ארויס פון דער רוסלענדישער סאציאל־דעמאקראטישער ארבייטער־פארטיי און רופט צו דעם זעלבען שריט אלע טיילען און מיטגלידער פון דער ר. ס. ד. א. פ., וועלכע ווילען באמת געהן צוזאמען מיט'ן רעוואלוציאָנערען רוסלענדער פּראָלעטאַריאַט, טיילענדיג מיט איהם ניט נאר זיינע ערפאָבערונגען, נאר אויך זיינע באַמיהונגען און צייטווייליגע מפלות.

דער אמת'ער יורש פון דער אַלטער ר. ס. ד. א. פ., דער רעוואלוציאנערער פיהרער פון רוסלענדער פראלעטאריאט, מיט וועלכער דער „בונד" האט פארבונדען זיין שיקזאל פון די ערשטע אנפאנגען פון זיין עקזיסטענץ, די אמת רעוואלוציאנערער

מארקסיסטישע פארטיי פון רוסלענדער אַרבייטער־קלאס איז די רוסלענדער קאמוניסטישע פארטיי.

דאס פראגראם פון ר. ק. פ. איז אויך דאס פראגראם פון „בונד". דאס פראגראם פון „בונד" אין דער נאציאנאלער פראגע ווידערשפרעכט ניט דעם אלגעמיינעם פראגראם פון ר. ק. פ. און געפינט זיך אין הסכם מיט זיין גאנצען גייסט.

דער לאגישער אויספיהר פון דער גאנצער פאליטישער פאזיציע, וועלכע דער „בונד" פארנעמט, דארף זיין דער אריינגאנג פון „בונד" אין די ר. ק. פ. אויף די זעלבע יסודות, אויף וועלכע ער איז געווען אין ר. ס. ד. א. פ.

דערביי בעטאנט די 12. קאנפערענץ פון „בונד" מיט דער גאנצער אנטשלאסענהייט, אַז די אנערקענונג פון ארגאניזאציאנס־פרינציפ פון „בונד", די אנערקענונג פון „בונד", ווי פון א אויטאָנאָמער ארגאניזאציע פון אידישען פראלעטאריאט, וועלכע ערפילט זעלבסשטענדיג אויף דער אידישער גאס די אויפגאבע פון דער סאציאליסטישער רעוואלוציע, איז א אומבאַדינגטער תנאי דערצו, אַז דער אידישער פראלעטאריאט זאל קענען ווי געהעריג איז ערפילען זיין רעוואלוציאנערע אויפגאבע, אז דער רעוואלוציאנערער אוואנגארד פון אידישען ארבייטער־קלאס וויל זיך באטייליגען אין אלגעמיינער שאפונג, ווי א קאָלעקטיוו, א טרעגער פון א רוהמפולער רעוואלוציאנערער ערפאהרונג, אן אויסדרוק פון די באזונדערע באדערפענישען פון אידישען פראלעטאריאט, א לעבעדיגע פארקערפערונג פון זיינע שטימונגען און פון זיין ווילען. די 12. קאנפערענץ גיט זיך אב אַ דין וחשבון, אז עס איז צייט, דער דאזיגער פרינציפ זאל ווערען אנערקענט און דער „בונד" זאל קענען אריינגעהן אין ר. ק. פ., ווי א אויטאנאמע ארגאניזאציע פון אידישען פראלעטאריאט. זי פאדערט אויף דעם צ. ק. ביי דער פראקטישער דורכפיהרונג פונ'ם איצטיגען באשלוס פעסט זיך האַלטען ביי דעם דאזיגען אומבאדינגטען תנאי, און דריקט אויס איהר טיפע איבערצייגונג, אז די נויטיגע באדינגונגען פאר אונזער אריינגאנג אין ר. ק. פ. וועלען סוף כל סוף באשאפען ווערען.

*

די רעזאָלוציע „וועגען דריטען אינטערנאציאנאל" פארענדיגט זיך מיט'ן פונקט 15, וואס זאגט:

Nr. 25

15. האלטענדיג, אז דער 3. אינטערנאציאנאל דארף אריינגעמען אין זיינע ראהמען ניט נאר קאמוניסטישע פארטייען, נאר אויך אלע פראלעטארישע פארטייען, וואס האבען ערנסט געריסען מיט'ן 2־טען אינטערנאציאנאל און צוזאמען מיט דעם זיך געשטעלט אויף דער פלאטפארם פון סאציאלער רעוואלוציע, רעוואלוציאנערער קלאסען־טאקטיק און קאמף פאר דיקטאטור.

אז די טאקטישע און אפילו פראגראמאטישע מיינונגס־פארשידענהייט צווישען באזונדערע קאמוניסטישע און סאציאליסטישע פארטייען, וואס שטעהען אין אלגעמיין אויף דעם באָדען פון 3־טען אינטערנאציאנאל, מיינונגס־פארשידענהייטען, וואס קענען בארעכטיגען די באזונדערע עקזיסטענץ פון די דאזיגע פארטייען, קענען בשום אופן ניט שטערען די פאראייניגונג פון די דאזיגע פאַרטייען אין די ראהמען פון 3־טען אינטערנאציאנאל.

קאנסטאטירענדיג, אז דער 3־טער אינטערנאציאנאל האט פאר דער צייט פון זיין עקזיסטענץ באוויזען, אז ער בויט זיין וועלט־טאקטיק, צופאסענדיג זי צו די אביעקטיווע מעגליכקייטען אין יעדען לאנד, אבשאצענדיג די רעאלע באדינגונגען, ענערגיש קעמפענדיג אקעגען אנארכיסטיש־בלאנקיסטישע טענדענצען אין ארבייטער־קלאס און דורכפיהרענדיג די פרינציפען פון רעוואלוציאנערען מארקסיזם.

אז דער 3־טער אינטערנאציאנאל האט אפיציעל ארויסגעוויזען די פולע באַרייט־ווילינקייט אריינצוטרעטען אין אונטערהאנדלונגען מיט יעדער פארטיי, וואס ערקלערט, אז זי איז גרייט ענדגילטיג צורייסען מיט׳ן 2־טען אינטערנאציאנאל, ווי אויך די באַרייט־ווילינקייט „אריינצוציהען אין חשבון די ערפאהרונג פון דער פראלעטארישער באוועגונג אין אלע לענדער, אויסבעסערן און פארריכטען די פלאטפארם פון 3־טען אינטערנאציאנאל אויפ׳ן גרונד פון דער טעאריע פון מארקסיזם און ערפאהרונג פון רעוואלוציאנערן קאמף אויף דער גאנצער וועלט".

קאנסטאטירענדיג ווייטער, אז פאר׳ן „בונד", וועלכער שטעהט אויף א פרינציפיעל קאמוניסטישער פאזיציע, קאן אין דער פראגע קיין רעד ניט זיין וועגען יענע ספקות און אבהאלטונגען, וואס זיינען ביי אנדערע פארטייען א רעזולטאט פון זייערע מיינונגס־פארשידענהייטען מיט׳ן קאמוניזם, באשטימט די קאנפערענץ, —

אז דער „בונד" פון ראטען־רוסלאנד שליסט זיך אן אין 3. קאמוניסטישען אינטערנאציאנאל.

און רופט צו דעם זעלבען שריט אויך יענע טיילען פון „בונד" וואס זיינען פון איהם אבגעריסען דורך דער מלחמה און בירגער־קריג.

Nr. 26

רעזאלוציעס וועגען פארשיידענע סאציאליסטישע גרופירונגען אינ׳ם אידישען פראלעטאריאט.

די גרויסע אויפגאבע פון פארווירקליכען די פראלעטארישע דיקטאטור אויף דער אידישער גאס פאדערט קאטעגאריש א פאראייניגונג פון אלע טיילען פון אידישען רעוואלוציאנערן פראלעטאריאט, וואס האבען זיך געשטעלט אויפ׳ן באדען פון קאמוניזם. די צושפאלטונג און קליינליכע פארטיי־קאנקורענץ צווישען גרופען, וואס האבען זיך אין אלע גרונד־פראגען פון פראגראם און טאקטיק געשטעלט אויף איין שטאנדפונקט, דארף אויפהערען.

א. וועגען די „פאראייניגטע".

ביי דער „פאראייניגטער אידישער סאציאליסטישער ארבייטער־פארטיי" איז דער פראצעס פון איבערשאצען די ווערטהען, וועלכע איז ביי זיי פארגעקומען די לעצטע יאהרען, געקומען צום סוף. זי האט זיך ווירקליך און אנטשלאסען אבגעזאגט פונ׳ם טעריטאריאליזם און פון יענער שטעלונג צו דער נאציאנאלער פראגע, וועלכע מיר האבען די גאנצע צייט באקעמפט. זי האט זיך אין אלגעמיין פאליטישע פראגען געשטעלט אויפ׳ן באדען פון קאמוניזם, צווינגענדיג איהרע רעכטע און נאציאנאליסטישע עלעמענטען צו פארלאזען איהרע רייהען און באפרייענדיג זיך אויף אזא אופן פון איהרע קליין־בירגערליכע מיטלויפער.

נעמענדיג דאס אלץ אין באַטראכט, שטעלט די 12. קאנפערענץ פעסט, אז אויב די באפארשטייענדיגע בארא‏טונג פון די פאראייניגטע וועט באַשטעטיגען די דאָזיגע פאקטישע פאזיציע פון דער פּאַרטיי, וועלען ניט באַשטעהן קיין מניעות אנצונעמען דעם פארשלאג וועגען פאראייניגונג פון „בונד" מיט דער פאראייניגטער אידישער סאָציאליסטישער ארבייטער־פארטיי."

ב. וועגען „פּועלי־ציון".

די 12. קאנפערענץ קאנסטאַטירט, אז אויך אין די איבעריגע פּראלעטאריש־נאַציאָנאַליסטישע גרופּירונגען, וועלכע האבען קאנצענטרירט ארום זיך אַ טייל פון די אבגעשטאַנענע אין קליינבירגערליך געשטימטע עלעמענטען פון אידישען פּראלעטאריאט, קומט פאָר אַ טיפער פּראָצעס פון איבערשאצען די ווערטען. ביי די „פּועלי־ציון" קומט פאר אַ טיפע צופאלונג. איין טייל אונטער'ן נאמען ס. ד. פּאַרטיי „פּועלי ציון", שטרעבט אנצושפּארען זיך אן דער אלטער נאַציאָנאַליסטיש־קליינבירגערליכער אידעאלאגיע, פיהרענדיג א ציוניסטישע אַגיטאַציע און פּאַרדונקלענדיג דעם קלאסען־באַוואוסטזיין פון אידישען פּראָלעטאריאַט. דער צווייטער טייל, איד. קאמונ. פּארטיי „פּועלי־ציון", האט זיך נאך אָפיציעל אויך ניט אבגעזאגט פון ציוניזם.

אין דער זעלבער צייט וואקסט אין בידע טיילען אָן אַ שטרעמונג, וואס וויל זיך אבזאָגען פון ציוניזם, וואָס וויל צורייסען מיט דער פריהערדיגער נאציאָנאליסטישער אידעאָלאָגיע. דער חוב פון „בונד" איז — העלפען דעם דאזיגען פּראצעס.

די 12. קאנפערענץ פון „בונד" ווענדט זיך צו די ארבייטער־גרופּען, וואס געהערען נאך די פּ.צ., און פּאָדערט זיי אויף צו שטעלען ביי זיך אויף באהאנדלונג די רעזאלוציעס פון אונזער קאָנפערענץ, וועלכע זיינען אן אויסדרוק פון רעוואלוציאנערן ווילען פון גאנצען אידישען פּראלעטאריאט, און צו פאדערן ביי זייערע פיהרער, עס זאל ענדגילטיג צוריסען ווערען דער שעדליכער אידעאישער בונד צווישען זיי, אידישע ארבייטער, מיט דער ציוניסטישער בורזשואזיע, עס זאל אראבגענומען ווערען פון זיי, אידישע ארבייטער, דער טייל מאָראלישע פּאַראַנטווארטליכקייט פון דער פּאַרשקלאפונג פון דער אראבישער באַפעלקערונג אין פּאַלעסטינא. קיין איין אידישער אַרבייטער טאר ניט בלייבען אין לאגער פון ציוניזם. אלע ווי איין מענש אונטער די רעוואלוציאנערע פאהנען פון „בונד"!

ג. קאָמוניסטישע סעקציעס.

די אידישע קאָמוניסטישע סעקציעס, באשאפען מיט'ן ספּעציעלען ציל צו באַקעמפען דעם „בונד", קינסטליכע אינסטיטוציעס, וואס האבען די גאַנצע צייט געשפּילט אַ ראָלע כמעט נאר פון אַ שילד אויף לאקען די אידישע אַרבייטער מיט'ן שיין פון אַ כלומרש'דיגער אָרגאניזאציע, האבען ניט געקאנט אין דעם קלענסטען מאס דורכפיהרען אויף דער אידישער גאַס די דיקטאַטור פון פּראָלעטאַריאַט. ניט קוקענדיג אויף אלע פּריווילעגיעס, וועלכע זיי האבען גענאָסען אין זייער קאַמף געגען „בונד", ניט קוקענדיג אויף די אומבאַגרענצטע טעכנישע און פינאַנציעלע מעגליכקייטען, האבען זיי ניט באַוויזען אַריינצוציהען די ברייטע מאסען פון אידישען ארבייטער־קלאס אונטער זייער ווירקונג.

מאכטלאָז צו אָרגאניזירען א לעבעדיגע שאַפונגס־ארבייט, מאכטלאָז זיך אנטשלאָסען איינצושטעלען פאר די באדערפענישען פון דער אידישער סאציאַליסטישער ארבייט, ניט פיהלענדיג אונטער זיך קיין פעסטען באָדען פון קיין מאסען־באוועגונג, אהן רעוואָ־לוציאנערע טראַדיציעס אין דער פערגאנגענהייט און אהן פערספּעקטיוון אויף דער צוקונפט, שטענדיג פיהלענדיג איבער זיך די סכנה פון אינגאנצען אבגעשאַפט ווערען, פון פאַרביטען ווערען דורך פשוטע, טעכנישע „אבטיילונגען", האבען די סעקציעס נאר באוויזען צו ביוראָקראַטיזירען די אידישע סעקציעס פאר פאלקס־בילדונג, וואו די ארבייט ווערט געפיהרט אויף ריין קאַנצעלאַרישע יסודות, אהן וועלכער ניט איז פארבינדונג מיט די מאַסען.

די סעקציעס לעבען איצט איבער א טיפען קריזיס. פיל עהרליכע און אויפריכטיגע סאציאַליסטישע טוער, וואס האבען פארלאָזען די אלטע פארטייען, ווייל זיי זיינען ניט באפרידיגט געווען דורך זייער פאליטישער ליניע, אבער וואס האבען געהאפט איינצו־האלטען דעם פּרינציפּ פון אַ זעלבסטשטענדיגער אידישער אָרגאניזאציע, וואס האבען געמאכט דעם פרוב מיט ן קאמוניסטישען פארבאנד און האבען קאַפּיטולירט פאר די סעקציעס, פיהלען איצט אַ טיפע אנטוישונג. די ארבייטער, וואס זיינען אין די סעקציעס אריין איבערצייגען זיך באלד, אז דער דאזיגער סוראגאט פון אָרגאניזאציע קאָן זיי ניט באַ־פרידיגען.

די 12. קאנפערענץ פון „בונד" קאנסטאטירט, אז די אנטוישונג און דער שטיל־שטאַנד, וועגען וועלכע מ׳רעדט אפען אין די סעקציאָניסטישע קרייזען, איז א אומפאר־מיידליכער רעזולטאַט פון יענעם פאלשען וועג מיט וועלכען די סעקציאניסטען זיינען אוועק.

אַז די יסודות, אויף וועלכע ס׳איז געבויט די ארבייט פון די סעקציעס, לויט דעם סטאַטוט פון ר. ק. פּ., בילדען ניט קיין באָדען פאר דער ווירקליכער זעלבסטעטיגקייט פון אידישען פּראָלעטאַריאַט אין דער אידישער סביבה.

אַז אלע אידישע ארבייטער און ארבייטער־טוער, וואס געפינען זיך אין דער סעקציע, זיינען מחויב אפען צו שטעלען ביי זיך די פראגע וועגען דעם, אז די סעקציע איז ניט לעבענס־פעהיג און איז ניט בכח צו ערפילען די אויפגאבען אריינצוציהען די אידישע ארבייטענדע מאסען אין אקטיוון רעוואָלוציאָנערען קאמף און דורכצופיהרען די דיקטאַטור אויף דער אידישער גאַס.

אַז די איינציגע ארגאניזאציע, וועלכע קען ערפילען די דאזיגע אויפגאבען און דערשלאגען זיך אנערקענונג פאר איהר אויטאָנאָמער עקזיסטענץ, קאָן זיין נאר דער „בונד".

אַז ארום זיינע באמיהונגען דארפען זיך פאראייניגען אלע רעוואלוציאנער־מאַר־קסיסטישע ארבייטער־טוער און אלע באוואוסטזיניגע אידישע ארבייטער, וועמען ס׳איז טייער דער גורל פון דער אידישער ארבייטער־באוועגונג און ווער ס׳וויל, אַז די צוקונפט פון אידישען ארבייטער־קלאס זאל זיין אזוי רוהמפול, ווי זיין פאַרגאַנגענהייט.

האלטענדיג, אַז נאך דער 12. קאָנפערענץ פון „בונד" באשטייען ניט קיין שום פּראַגראַמאַטישע אדער טאַקטישע מיינונגס־פארשידענהייטען צווישען „בונד" און דער סעקציע,

אַז דער אָרגאַניזאַציאָנעלער מינימאַליזם, וועלכן די סעקציע פאַרטרעט אָפיציעל אין קאַמף נעגן „בונד", איז ניט נאר געגען די אינטערעסען פון אידישען פראָלעטאַריאַט, נאר ער אנטשפרעכט ניט דער אינערליכער איבערצייגונג פון יענע ארבייטער, וואס גרופירען זיך אין דער סעקציע.

געפינט די 12. קאָנפערענץ, אז ביז וואַנען די פראגע וועגען דעם אריינגאַנג פון „בונד" אין ר. ק. פ. וועט געלעזט ווערען, דארפען אנגענומען ווערען מיטלען צו באַ־שאַפען אויף דער אידישער גאַס א אײַנהייטליכען קאמוניסטישען פראנט דורך ברענגען ביז א מינימום די אָרגאַניזאַציאָנעלע רייבונגען צווישען די באזונדערע גרופירונגען, וואס שטעהען פאקטיש אויף איין פאזיציע, און האלט פאר איהר חוב צו ערקלערען, אַז די גאנצע פאַראַנטוואָרטליכקייט פאר דער פארזעצונג פון אזעלכע רייבונגען און פון קלייני־ליכע ארגאניזאציע־רײַסערייען וועט פאלען אויף יענע, וועלכע ווילען ניט זיך אָבגעבען אַ דין וחשבון אין דעם גרויסען היסטארישען מאמענט, וועלכען ס'לעבט איצט איבער די אידישע ארבייטער־באוועגונג, און ווילען ניט פארשטעהן, אז די איינציגע קאמוניסטישע קראַפט, וואס קאן פאראייניגען ארום זיך דעם גאנצען אידישען פראלעטאריאט, קאן זיין און וועט זיין נאר דער „אַלגעמיינער אידישער ארבייטער־בונד".

Nr. 27

ד. וועגען דער נאציאנאלער פראגע.

1. אין דער קאַפּיטאליסטישער אָרדנונג איז די נאציאנאלע פראַגע געשטאַנען, ווי א פראגע וועגען נאציאנאלער אונטערדריקונג און נאציאנאלער אומגלייכהייט. דער „בונד" האט דאַן אַרויסגעשטעלט די פאָדערונג פון נאציאנאל־קולטורעלער אויטאָנאָמיע, ווי א סיסטעם פון גאראנטיעס, וואס דארף אין די ראהמען פון דער קאַפּיטאליסטישער געזעלשאַפט באשיצען און באוואָרענען די נאציאנאלע מינדערהייטען אנטקעגען דער אונטערדריקונג פון דער בורזשואַזער מלוכה און פון די הערשענדיגע נאַציאנאלע מערהייטען.

2. די סאציאליסטישע רעוואלוציע צוברעכט די קייטען פון דער נאציאנאלער שקלאַפעריי. די דיקטאַטור פונ'ם פראלעטאריאט באפרייט די אונטערדריקטע נאציאנען, נעהמט אַראָפּ פון טאָג־אָרדנונג די נאציאנאלע פראַגע, ווי א פראגע פון קלאסענקאמף און פון גאראנטיעס, און צוזאמען מיט דעם פאלט אָפּ די פאדערונג פון נאציאנאל־קולטורעלער אויטאָנאָמיע, ווי פון אַן'עפענטליך־רעכטליכער אינסטיטוציע, ווי א יורידישע באַ־וואָרעניש פאר די מינדערהייטען.

3. די סאציאליסטישע רעוואָלוציע וועקט אויף די ברייטסטע מאסען פון זייער קולטורעלער אָפּהענגיגקייט, עפענט זיי אויף אַ צוטריט צו די קולטורעלע אוצרות, וועלכע זיינען אין דער קאַפּיטאליסטישער אָרדנונג געווען פאר זיי פארשלאָסען, מאכט זיי פאר טרעגער און שעפער פון קולטור, פאר אקטיווע אנטיילנעהמער אין פראָצעס פון סאציאליסטישער קולטור־שאפונג און שטעלט אויף אזא אופן די נאציאנאלע פראגע אין א נייעם ליכט, ווי א פראָבלעם וועגען די אָרגאַניזאַציאָנעל־מלוכה'שע יסודות, אויף וועלכע עס דארף געבויט ווערען די פראָלעטאַריש־סאציאליסטישע קולטור־שאַפונג, וועלכע קאן קאנקרעט אינ'ם לעצטען חשבון ניט פארקומען אנדערש, ווי אין פארמען

פון נאציאנאלע שפּראַכען און נאציאנאלער קולטור, און וועלכע איז מעגליך נאר אויפ׳ן יסוד פון דער ווירקליכער זעלבסטשטענדיגקייט פון די ארבייטענדיגע מאסען ביי זייער קאנטראל איבער אלע אָרגאַנען פון קולטור־ארבייט.

4. דאָס דאזיגע פּראבלעם, וואס איז א וויכטיגער טייל פונ׳ם אַלגעמיינעם גרויסען פּראָבלעם פון סאציאליסטישער בויאונג, איז ניט אַוועקגעשטעלט געווארען אין זיין גאַנצען גרויס ניט אין נאציאנאלען פּראָגראַם פון ר. ק. פּ., וואו עס האנדעלט זיך אויס־שליסליך וועגען טערריטאָריאַלער שטעלונג פון דער פּראַגע, ניט אין זיין פּראָגראַם פון קולטור־ארבייט, וואו די נאציאנאלע פּראגע איז אינגאנצען ניט באריהרט, אויך אין דער ראַטען־פּראקטיק, וועלכע איז בלי ספק דורכגעדרונגען מיט דער שטרעבונג צו הויבען דעם קולטורעלען מצב פון די נאציאנאלע מינדערהייטען און העלפען זייער אנטוויקלונג (דעקרעטן, אינסטרוקציעס וועגען שולען פאר נאציאָנאלע מינדערהייטען מיט באזונדערע סעקולעס, ברייטע פינאנסירונג פון זייער אַרבייט א. א. וו.) איז די אויפגאבע מאכען די ארבייטענדיגע מאסען פון א מאָל אונטערדריקטע נאציעס פאר אמת׳ע טרעגער פון דער נייער קולטור און אויפבויען אָרגאניזאציאנס־פארמען פאר זייער קולטורעלען שאפען אויך ניט אוועקגעשטעלט געווארען.

דער אידישער ארבייטער־קלאס מוז אוועקשטעלען דאס פּראבלעם אזוי ווי עס שטעלט איהם די עפּאָכע, ניט, ווי א פּראגע פון אויפקלערען די מאסען פון אויבען, נאר ווי אַ פּראבלעם פון פּאזיטיווע שאפונג, פון אויפוועקען און ארויסרופען אין לעבען די כחות פון דער נייער פּראלעטארישער אידישער קולטור, פון שאפען באדינגונגען פון איהר אנטוויקלונג, פארווירקליכענדיג באמת די פּראלעטארישע דיקטאטור אין דער אידישער סביבה, ארגאניזירענדיג די קולטורעלע זעלבסטשטענדיגקייט פון די אידישע מאסען און באקעמפענדיג די רעשטען פון דער בורזשואזער אידעאָלאָגיע, וועלכע נעהמט אָן ביי יעדער נאַציאָן איהרע ספּעציפישע פאָרמען, וואָס דארפען באקעמפט ווערען אויף ספּעציפישע וועגען.

6. אבער די סאציאליסטישע רעוואָלוציע האט אראָפּגענומען פון טאָג־אָרדנונג נאָך אַ כלל פון אונזער אלטען פּראָגראַם — די פאָדערונג אינגאנצען ארויסצוטיילען פון רשות פון דער מלוכה און פון די אָרגאַנען פון אָרטיגע און טעריטאָריאַלע זעלבסט־פארוואלטונג און איבערגעבען די נאציאָנען אלע פונקציעס, וואָס זיינען פאַרבונדען מיט פראַגען פון קולטור און אויף אַזאַ אופן אינגאנצען אָפּנעהמען ביי דער מלוכה די מעג־ליכקייט, צולאָזענדיג נאָר דאס רעכט פאַר דער צענטראַלער מאַכט איינצופיהרען געוויסע אַלגעמיינע נאָרמען. דער דאָזיגער פּאָסטולאַט, ארויסגערוקט מיט׳ן ציל פונאנדערצו־גרעניצען די נאַציאָנען, דערברייינגען ביז אַ מינימום די נאַציאָנאלע רייסעניש אין די אלגעמיינע אָרגאַנען. באַפרייען דעם פּראָלעטאַריאַט פון אונטער דער נאַציאָנאליסטישער ווירקונג פון זיין בורזשואַזיע, און די דאָזיגע אָרגאַנען האבען איצט פארלוירען אונטער זיך דעם גרונד.

7. די פאַרניכטונג פון דער בורזשואַזער דיקטאַטור, דער אַריבערגאַנג פון דער מאַכט אין די הענד פון אַרבייטער־קלאַס שאַפט צוערשט אין דער געשיכטע די מעג־ליכקייט פון אַנ׳אמת ברידעריליכער צוזאַמענאַרבייט פון נאַציאָנען אין אַ מלוכה־מאַסשטאַב אויף אַלע געביטען, ניט אויסגעשלאָסען אויך דאס קולטור־געביט. די סאָציאַליסטישע

רעוואָלוציע רוקט אַרויס אַ רייהע אַלגעמיינע פּראָבלעמען פון קולטור־בויאונג, וואס קאָנען און דאַרפען געלעזט ווערען דורך דעם פּראָלעטאריאַט פון פארשידענע נאַציאָנען אין צוזאַמענווירקונג און ענגען קאָנטאַקט, דורך פאַראייניגען און צוזאַמען אויסנוצען די טעכנישע מעגליכקייטען, דורך אָרגאַניזירען די אינסטרוקטירונגס־ארבייט פון דער קנאַפּער צאהל פאַרהאַנענע ספּעציאַליסטען אויפ׳ן עקאָנאָמיש מעגליך אופן.

אַרויסגעהענדיג פון דעם אלץ באשטימט די 12. קאנפערענץ פון „בונד":

א) די פאָדערונג פון נאציאנאל־קולטורעלער אַווטאָנאָמיע, ארויסגעשטעלט אין די ראַהמען פון דער קאַפּיטאליסטישער געזעלשאַפט, פארלירט איהר זין אין די באַדינגונגען פון דער סאציאלער רעוואלוציע.

ב) דער „בונד" בלייבט ווי פריהער ביים כלל, אז די קולטור־ארבייט דארף זיין די זאַך פון די אַרבייטענדע מאַסען פון דער באטרעפענדער נאַציאָן אליין, געבויט אויף זייער ברייטסטער זעלבסטטעטיגקייט, אויף דער פאראנטוואָרטליכקייט פון די אויסספיה־ענדע אָרגאַנען פאר די דאָזיגע מאַסען, אינטער זייער קאָנטראָל און אנפיהרונג, אין די באַדינגונגען פון דער סאָציאַליסטישער רעוואָלוציע דאַרף אין דער דאָזיגער ארבייט דורכגעפיהרט ווערען די דיקטאַטור פון פּראָלעטאריאַט, וואס פיהרט הינטער זיך די ארבייטענדע מאַסען.

ג) דער „בונד" בלייבט ווי פריהער ביים כלל, אז עס דארף געבויט ווערען אַ סיסטעם אָרטיגע, אויעזדנע, גובערנסקע און צענטראלע נאַציאָנאלע אָרגאַנען, געקליבענע דורך די ארבייטענדיגע מאסען פון דער געגעבענער נאציע, ארגאנען, וואס באשטימען די קאָמפּעטענץ פון זיי, ארבייטענדיגע מאסען ... לעגיעס אויף דורכפיהרען די קולטור־ארבייט ביי דער דאָזיגער נאַציע, קאָנטראָלירען זי, נעמענדיג אַ דירעקטען אָנטייל אין דער אַרבייט, און פארווירקליכען זעלבסטשטענדיג צוזאמען מיט איהר די אויפגאבען פון קולטור־עלער בויאונג, ענדגילטיג לעזענדיג אלע פראַגען, וואס האבען אַ אינערליך נאַציאָנאלען כאַראַקטער.

ד) דער „בונד" האלט, אַז די אינטערעסען פון פּראָלעטאריאַט פאָדער׳ן איצט אין געגענזאַץ צו דער קאַפּיטאַליסטישער עפּאָכע, די צענטראַלע און אָרטיגע מלוכה־אָרגאַנען זאָלען זיך בשום אופן ניט באזייטיגען פון דער קולטור־ארבייט, אַז פאַרקעהרט, ס׳איז דורכאויס נויטיג און צוועקמעסיג, עס זאָלען עקזיסטירען צענטראַלע און אָרטיגע אַלגעמיינע מלוכה־אָרגאַנען פאר בילדונג און קולטור, וואס ארבייטען אין ענגסטען קאָנטאַקט מיט די אינטערנאציאָנאלע פּראָפעסיאָנעלע אָרגאניזאציעס, און זיינען אַן אויסדרוק פונ׳ם ווילען פון גאַנצען אינטערנאַציאָנאלען פּראָלעטאריאַט און שטיצען זיך אויף דער אַרבייט פון די נאַציאָנאלע קאָלעקטיוון. די אָרגאַנען פון באַזונדערע נאַציאָנען דארפען בילדען אַן אָרגאַנישען טייל פון די אָרטיגע, אויעזדנע, גובערנסקע און צענטראַלע אלגעמיין־מלוכה׳שע אָרגאַנען פאַר בילדונג און קולטור, צוגרייטענדיג און טיילווייז אויך דורכפיהרענדיג אין אַ געמיינזאמער אינטערנאַציאָנאלער אַרבייט דאס, וואס קאן געטון ווערען צוזאמען און בלייבענדיג אויטאָנאָם אין געביט פון זייער קאָמפּעטענץ.

(„קאמוניסטישע וועלט", מערץ־אפריל נום. 14—15, 1920)

די פארשמעלצונג פון די „פאראייניגטע“ מיט'ן קאמוניסטישען „בונד“ אין רוסלאנד.

I. רעזאלוציע פון דער 2-טער אלגעמיינער פארטיי־בעראטונג פון דער פאראייניגטער אידישער סאציאליסטישער ארבייטער־פארטיי פון רוסלאנד.

(אבגעהאלטען אין האָמעל פון 28. אפריל ביז 2. מאי 1920)

Nr. 28

צום פונקט „נאציאנאלע פראגע“.

די סאציאליסטישע רעוואָלוציע קען מנצח זיין נאָר דעמאָלט, ווען זי איז זיך סומך אויף דער אָרגאניזירטער זעלבסטעטיגקייט פון דעם ארבייטער־קלאס און די ברייטע האָראָפּאשנע מאסען.

די פאָרמען פון דער דאזיגער אָרגאַניזירטער זעלבסטעטיגקייט זיינען אָפּהענגיג נים בלויז פון די עיקר'דיגע אינטערעסען פונ'ם וועלט־פראָלעטאריאט, נאָר אויך פון די אייגענארטיגע מלוכה'דיגע און נאציאנאלע תנאים און פון דער לאגע פון די איינצעלנע טיילען פון אלוועלטליכען ארבייטער־קלאס.

אין נאציעס־מלוכות, און אזעלכע זיינען עס טיילען פון דער רוסלענדישער סאציאליסטישער פעדעראטיווער ראטען־רעפובליק, שאפט די סאציאליסטישע רעוואָלוציע פאר די האָראָפּאשנע מאסען פון אלע נאציעס ברייטע מעגליכקייטען פאר אָרגאניזירטער זעלבסטעטיגקייט, און דערביי איז די אנטוויקלונג פון דער רעוואָלוציע אָפּהענגיג פון דעם, אויף וויפיל מען ברעננט אריין אין חשבון די נאציאָנאלע באַדינגונגען, די סיטואציע פון די האָראָפּאשנע מאסען און זייער באדארף אויף זעלבסטטעטיגקייט.

ארויסגעהענדיג פון די דאזיגע יסודות געפינט די 2. אלגעמיין־פארטייאישע בעראטונג פון דער פאראייניגטער אידישער סאציאליסטישער ארבייטער־פארטיי:

1) אז, כדי דער אידישער ארבייטער, ווי אויך די ברייטע אידישע האָראָפּאשנע מאסען זאָלען זיין ביכולת אָרגאניש אריינצוּוואקסען אינ'ם פראָצעס פון דער סאציאליסטישער רעוואָלוציע ביי דער אפגעשטאנענער אידישער סביבה, דארפען אין דעם ראטען־סיסטעם קודם כל אריינגענומען ווערען די אידישע קולטור־אָרגאנען, סיי די אָרטיגע סיי די צענטראלע, וועלכע זיינען געבויט אויף דעם יסוד פון דער קאָנסטיטוציע פון דער רוסלענדישער סאציאליסטישער פעדעראטיווער ראטען־רעפובליק און וועלכע דארפען אויטאָנאָם פארוואלטען מיט די ענינים פון דער אידישער קולטור, זייענדיג אין דער אייגענער צייט נאָר טיילען פון די געהעריגע אלגעמיינע ראטען־אָרגאנען.

2) אויף וויפיל עס וועט זיך ארויסווייזען פאר נויטיג, דארפען געשאפען ווערען אינסטיטוציעס לויט דעם זעלביגען פרינציפּ אויך פאר די אנדערע געביטען פונ'ם אידישען לעבען.

3) ווען עס וועלען געשאפען ווערען די אָרגאנען, מכח וועלכע עס רעדט זיך אינ'ם פונקט 2, וועט נויטיג זיין צו שאפען איין צענטראלען אָרגאן, וועלכער זאָל

קאָאָרדינירען און צענטראליזירען די ארבייט פון די איינצעלנע צענטראלע און אָרטיגע אָרגאנען.

Nr. 29

II. ראדיאָ.

צו אלע אָרגאניזאַציעס פון דער „פּאַראייניגטער אידישער סאָציאַליסטישער ארבייטער־פארטיי" אין ראַטען רוסלאנד, אוקראינע, ליטאָ, ווייסרוסלאַנד, לעטלאַנד, פוילען, עסטרייך און אמעריקא. צו אלע אידישע ארבייטער.

די „פאראייניגטע אידישע סאָציאַליסטישע ארבייטער־פארטיי" האט אויף איהר 2־טער אַלגעמיינער פאַרטיי־בעראטונג (האמעל 28. אפריל—2. מאי) איין מאָל פאר אלע מאל געמאכט א סוף מיט דער תקופה פון אידעאישע וואקלענישען און ארגאניזאציאנעלער צושפּליטערטקייט. דורך איהרע רעזאָלוציעס און החלטות האט זיך די 2־טע בעראטונג פון דער „פאראייניגטער אידישער סאציאליסטישער ארבייטער־פארטיי" סוף כל סוף געשטעלט אויף דעם באָדען פון׳ם קאמוניזם, וועלכער פארקערפּערט זיך אין רוסלאנד אין דער רוסלענדישער קאמוניסטישער פארטיי, און איז צוגעשטאנען צום קאָמוניסטישען אינטערנאציאנאל. דער אידישער ארבייטער קלאס באקומט לבסוף א אידעאישען תוך און ארגאניזאציע־פארמען, וועלכע מאכען איהם מעגליך צוצושטעהן צום אלוועלטליכען פראלעטאריאט און דער סאציאליסטישער רעוואָלוציע. און ניט נאר ביי דער „פאראייניגטער אידישער סאָציאליסטישער ארביטער־פארטיי" אויך אין דעם „בונד" האט זיך פארענדיגט דעם פּראצעס פון זיין קאמוניסטישער זעלבסטבאשטימונג, און אויף דעם סדר היום שטעהט שוין די פראגע פון פאראייניגען דעם „בונד" און די „פאראייניגטע אידישע סאָציאליסטישע ארבייטער־פארטיי" אין איין קאמוניסטישער ארגאניזאציע פון׳ם אידישען פראלעטאריאט. זייענדיג מודיע וועגען דעם אלע פארטייאישע ארגאניזאציעס און אידישע ארבייטער ניט בלויז פון ראטען־רוסלאנד און ראטען־אוקראינע, נאר טאקע בפרט די צייטווייליג אָקופּירטע אוקראינע, ווייסרוסלאנד, ליטא, לעטלאנד און פוילען, רופט דער צ. ק. פון דער „פאראייניגטער אידישער סאָציאליסטישער ארבייטער־פארטיי" די ארגאניזאציעס ווי אויך אלע אידישע ארבייטער, וואס ניכער צו מאכען א סוף מיט דעם אלטען דרך פון 2־טען אינטערנאציאנאל, צו ארגאניזירען זיך אין א קאָמוניסטישער ארגאַניזאציע און אין הסכם מיט די ארטיגע תנאים און די אָנווייזונגען פון׳ם קאמוניסטישען אינטערנאציאנאל אנצופיהרען דעם אנטגילטיגען קאמף פאר דיקטאטור פון׳ם פראָלעטאריאט, וועלכער גיסט זיך אויס אין דער פארם פון ראטען־מאכט, פאר העלפען ראטען־רוסלאנד אין איהר קאמף מיט די היינען פון׳ם אלוועלטליכען אימפעריאליזם און זיינע (?) פאר דעם נצחון פון דער סאָציאַליסטישער רעוואלוציע. די אידישע ארבייטער דאַרפען גוט געדענקען, אז נאר די קאמוניסטישע אָרגאניזאציע גיט דעם אידישען פראלעטאריאט די מעגליכקייט ארויסצוווייזען דעם מאקסימום פון זיין רעוואלוציאנערער ענערגיע און סאציאליסטישען שאפען; נאר דער קיום פון פארשטארקונג פון ראטען־רוסלאנד איז די זיכערע ערבות פאר דעם אנטגילטיגען נצחון פון דער אלוועלטליכער סאציאליסטישער רעוואָלוציע.

(„נא פּאווראטע".)

Nr. 30

אלגעמיינע אידישע ארבייטער־קאנפערענץ אין ארץ ישראל.

(אבגעהאלטען 5.—9. דעצעמבער 1920)

די קאנפערענץ, וואס האט פארטרעט[illegible] 4433 ארבייטער דורך 87 דעלעגאטען (37 מיטגלידער פון „אחדות העבודה“, 6 ה[illegible]ל־הצעיר, 16 צעירי־ציון, החלוץ און השומר הצעיר, 6 מ. פ. ס. און 2 פון [illegible]מאבהענגיגע קביצות) האט אנגענומען פאלגענדע באשלוסען:

די אלגעמיינע ארגאניזאציע.

דער אבייטער־צוזאמענפאהר אין ארץ ישראל שאפט אנ׳אלגעמיינע ארגאניזאציע פון די אידישע ארבייטער אין א״י.

די תקנות פון ארגאניזאציע.

א. די אלגעמיינע א־גאניזאציע פאראייניגט אלע ארבייטער און האראפאשניקעס פונ׳ם לאנד, וואס לעבען פון זייער הארעוואניע און עקספלואטירען ניט קיין אנדערע, כדי צו ארגאניזירען דעם עקאנאמישען און קולטורעלען לעבען פון דעם גאנצען ארבייטער־קבוץ אינ׳ם לאנד און אויפבויען א אידישע ארבייטער־געזעלשאפט אין ארץ ישראל.

ב. די ארגאניזאציע ווערט צוזאמענגעשטעלט פון פראפעסיאנעלע פאראיינען.

ג. דער ארבייטס־געביט פון דער אלגעמיינער ארגאניזאציע:

1) ארגאניזירען און אנטוויקלען די ערד־ארבייט און פארשיידענע צווייגען פון ארבייט אין דארף און שטאדט, ארגאניזירען ארבייטער־אפטיילונגען און קבוצות פאר ערד־ארבייט און אינדוסטריע.

2) ארבייטס־בערזעס.

3) ארגאניזירען די ארבייטער אין אלגעמיינע אומפארטייאישע פראפעסיאנעלע ארגאניזאציעס, וועלכע נעהמען ארום אלע ארבייטער לויט זייער פאך.

4) פארבעסערן די ארבייטס־באדינגונגען און אויפהויבען די פראדוקטיוויטעט.

5) געבען א טעכניש־פראפעסיאנעלע בילדונג.

6) ארגאניזירען קאאפעראטיוון.

7) גענעזונגען און אנ(?)... גענעזונגען — see below

8) ארגאניזירען די שמירה און די פארטיידיגונג.

9) אויפנעהמען די עמיגראנטען און געבען זיי ארבייט.

10) ארגאניזירען די עמיגראציע פון די ארבייטער מחוץ לארץ.

11) איינפיהרען די העברעאישע שפראך צווישען די ארבייטער.

12) שאפען ארגאנען פאר קולטורעלער ארבייט, כדי געבען אפראפעסיאנעלע־ און לאנדווירטשאפטס־בילדונג, ארגאניזירען ביבליאטעקען און וויסענשאפטליכע קורסען און ארויסגעבען פאך־ליטעראטור.

13) ארויסגעבען פאך־צייטונגען און א ביולעטין פון דער אלגעמיינער ארגאניזאציע.

ד) די ארגאניזאציע שטעהט אין א פארבינדונג מיט אלע אינסטיטוציעס, ארגאניזאציעס און פארטייען, סיי אידישע און ניט־אידישע, הן אינ׳ם לאנד הן מחוץ לארץ;

כדי צו פאַרפעסטיגען דעם אידישען אַרבייטער אינ'ם לאַנד און כדי אויפצובויען אַ האַראַפאישנע ארץ ישראל. די פאַרבינדונג איז בלויז אַ פראַקטישע.

ה) די אָרגאַניזאַציע שטעלט זיך אין אַ פראַקטישער און ארגאַניזאַציאָנעלער פאַרבינדונג מיט אַלע חלוצים־אָרגאַניזאַציעס מחוץ־לארץ, וואס גרייטען זיך צו עמיגרירען קיין ארץ ישראל, כדי זייער ארבייט זאָל געפיהרט ווערען אין הסכם צו די הצטרכות'ן פון דער ארבייט אינ'ם לאַנד.

ו) די אָרגאַניזאַציע ווענדט זיך צו אַלע אידישע אַרבייטער־אָרגאַניזאַציעס אין גלות, וועלכע אנערקענען אַנ'אַרבייטענדיגע ארץ ישראל און ווייזט אויף די דרינגענדע נויטיגקייט צו שאַפען אַנ'אַלגעמיינע צווישען־פאַרטייאישע אינסטיטוציע פאַר פראַקטישער אַרבייט און אויפבוי פון אַ אידישער אַרבייטענדיגער געזעלשאַפט אין ארץ ישראל.

ז) די אָרגאַניזאַציע שיקט איהרע פאַרטרעטער אין אַזעלכע אינסטיטוציעס, ווי דער נאַציאָנאַל־פאָנד וכדומה.

ח) די אַלגעמיינע אָרגאַניזאַציע איז די איינציגע, וואס האט צו זאָגען אין אַלע ענינים, וועלכע געהען אַריין אין גאַנצען סכום פון איהר אַרבייט. בנוגע די דאָזיגע ענינים איז זי דער איינציגער פאָרשטעהער פון דער גאַנצער אַרבייטערשאַפט פונ'ם לאַנד כלפי פנים און כלפי חוץ.

דער ראַט.

דער צוזאמענפאָר קלויבט פון זיך אויס אַ ראַט פון 23 מיטגלידער. אינ'ם ראַט לאָזט מען איבער 2 ערטער פאר די פארשטעהער פון די תימנ'ער און 2 — פאר די פאָרשטעהער פון דער ארבייטערינס־ארגאניזאציע.

דער צוזאמענפאָר באפולמעכטיגט דעם ראַט צו פיהרען און צו ארגאניזירען די גאנצע ארבייט פון דער ארגאניזאציע ביז צום קומענדיגען צוזאמענפאָהר, אויסקלייבען די צענטראלע ארגאנען, די פארוואלטונג פון דער צענטראלע אינסטיטוציע, ווי משרד העבודה, משרד העליה, קופת־חולים ועדת תרבות וכו').

אינ'ם ראַט זיינען אויסגעקליבען געווארען: 1. אַלקינד, 2. אַסף, 3. בלומענ־פעלד א., 4. בן־צבי י., 5. בערגמאן הוגאָ, 6. גרשון, 7. הוז דוב, 8. הערצפעלד א., 9. ווילקאָנסקי י., 10. טאַבענקין י., 11. טווערסקי נ., 12. יבנאלי ש., 13. ינאיתר, 14. יער י., 15. קאצנעלסאָן ב., 16. עלינה, 17. סווערדלאוו ד., 18. סעקאדער, 19. רמז ד., 20. שוחט אליעזר, 21. שוחט מניה, 22. שווייגער י., 23. שפרינצאק י.

די פאראייניגונג פון די אינסטיטוציעס.

אלע אינסטיטוציעס, וואס שטעהען אין רשות פון דער אדער אנדער פארטיי און פארנעמען זיך מיט די ענינים, וועלכע געהען איצט אריין אינ'ם סכום פון דער ארבייט פון דער ארגאניזאציע, געהען איצט איבער צו דער אלגעמיינער אָרגאניזאציע.

די ארגאניזאציע פון די ערד־ארבייטער.

די ערשטע ארבייט פון דער ארגאניזאציע איז צו ארגאניזירען די אלגעמיינע ארגאניזאציע פון ערד־ארבייטער.

די אָפּטײלונג פאר געזעלשאפטליכע ארבײט.

דער צוזאמענפאָהר לעגט ארויף אויף דעם ראַט אַ חוב צו גרינדען אין משך פון אַ פּאָר וואכען אַ פאראייניגטע אָפּטיילונג פאר געזעלשאפטליכע ארבייט.

ארבײטער־באנק.

דער צוזאמענפאָהר באשליסט תיכף שאפען אנ׳ארביטער־באנק און איז מחויב אַלע אַרבייטער און הארעפאשניקעס נעמען אנ׳אקטיווען אנטייל אין דער דאזיגער ארבייט. צוליב דעם דאזיגען צוועק ווערט אויסגעקליבען אַ קאמיסיע פון 3 חברים: א. בלומענפעלד, נ. טווערסקי און ב. קאצנעלסאָן.

ערד־ארבײטער־פונקטען.

דער צוזאמענפאהר באשליסט אויפצושטעלען די 4 ארבייטער־פונקטען (קלנדיה, תלפיות (אין דער געגענד פון ירושלים), כרמל, הר כנרת), אויף וועלכע ס׳איז ארויס דער גזר פון דער ציוניסטישער קאמיסיע, זיי בטול צו מאַכען אין מיטען דער ארבייטס־צייט.

די שטעלונג פונ׳ם 3־טען אינטערנאציאנאל צום ציוניזם און פועלי־ציוניזם.

Nr. 31

I. אויס די טעזיסען איבער דער נאציאנאלער און קאלאניאלער פראגע.

(אנגענומען אויפ׳ן 2. קאנגרעס אין מאסקווע).

עס איז נויטווענדיג צווישען די ברייטע ארבייטענדיגע מאסען און באזונדערס פון די אפגעשטאנענע לענדער און נאציעס כסדר אויפצודעקען און אויפצוקלערען דעם באטרוג, וואס די אימפעריאַליסטישע מלוכות באגעהען מיט דער הילף פון די פריוויליגירטע קלאסען אין די אונטערדריקטע לענדער דערמיט, וואס זיי שאפען אונטער דער מאסקע פון פאליטיש אומאפהענגיגע מלוכות, אזעלכע מלוכה־פארמאציעס, וועלכע זיינען פון זיי עקאנאמיש, פינאנציעל און מיליטעריש פולשטענדיג אפהענגיג. אלס א שארפען ביישפיל ווי אזוי, כדי אפצונארען די ארבייטענדיגע קלאסען, פאראייניגען זייערע אנשטרענגונגען דער אנטאנט־אימפעריאליזם און די בורזשואזיע פון דער שייכות׳דיגער נאציע, קען אנגעפיהרט ווערען די מעשה פאלעסטינא פון די ציוניסטען (ווי דער ציוניזם איבערהויפט איז אונטער דער מאסקע פון שאפען אַ אידישע מלוכה אין פאלעסטינא מפקר דער עקספּלאָאטאַציע פון ענגלאנד די פאקטישע אראבישע ארבייטער־באַפעלקערונג אין פאלעסטינא, וואו די הארעפאשנע אידען זיינען נאר א קליינע מינאריטעט). ביי די היינטיגע אינטערנאַציאָנאַלע פארהעלטנישען איז ניטא פאר די אפהענגיגע און שוואכע נאציעס קיין אנדער רעטונג, ווי א בונד פון ראַטען־רעפובליקען.

Nr. 32

II. באשלוס פון דער עקזעקוטיווע.

אין אַ באריכט איבער אַ זיצונג פונ׳ם עקזעקוטיוו־קאמיטעט פונ׳ם 3. אינטערנאציאנאל האט די „פראוודא“ פון 23. סעפטעמבער 1920 מיטגעטיילט:

מיט באריכטען וועגען דער ארבייט פון דער סאציאליסטישער ארבייטער־פארטיי (פועלי ציון) אין פאלעסטינא איז ארויסגעטראטען א רעפערענט אינ׳ם נאמען פון דער פארטיי.

דער באריכט־געבער האט אנגעוויזען דערויף, אז די פארטיי, וועלכע ער שטעלט פאר איז אין תוך געגומען, א קאמוניסטישע פארטיי פון פאלעסטינא און עגיפטען, אז זי האט נאר מחמת טאקטישע טעמים געטראגען דעם נאמען פון דער פריהער אין פאלעסטינא עקזיסטירענדער פארטיי „פועלי ציון", זיי האבען אויסגעמעקט פון דעם נאמען דאס ווארט „אידישע" און אז די פארטיי האט לחלוטין גארנישט צו טון מיט דער נאציאנאליסטישער פארטיי „פועלי ציון".

די פאלעסטינישע סאציאליסטישע ארבייטער־פארטיי פיהרט אן איהר ארבייט צווישען די הארעפאשניקעס פון פאלעסטינא און עגיפטען, ווי צווישען אידען אזוי אויך צווישען אראבער. די פארטיי האט געמוזט גובר זיין גרויסע מניעות, איינע פון די הויפט־מניעות איז דער אומצוטרוי פון די אראבער צו די אייראפעאישע ארבייטער. ניט קוקענדיג אויף דערויף באשטעהט דאס רוב פון די מאסען, אויף וועמען די פארטיי פארשפרייט איהר השפעה, פון אראבישע ארבייטער. דאס רוב פון די ארגאניזירטע פארטיי־מיטגלידער זיינען אידישע ארבייטער.

פון דעם באריכט און דעם ויכוח האט זיך ארויסגעוויזען, אז די פאלעסטינישע סאציאליסטישע ארבייטער־פארטיי (פועלי ציון) איז ארויף אויף דעם ריכטיגען דרך פון רעוואלוציאנערער ארבייט צווישען אלע הארעפאשניקעס פון פאלעסטינא און עגיפטען, נאר עד היום האט זי זיך ניט אינגאנצען באפרייט פון די בורזשואז־נאציאנאליסטישע פאראורטיילען.

לכן נעמט אן דער עקזעקוטיוו־קאמיטעט פונ׳ם קאמוניסטישען אינטערנאציאנאל פאלגענדע רעזאלוציע:

„דער עקזעקוטיוו־קאמיטעט פונ׳ם קאמוניסטישען אינטערנאציאנאל, באשטעטיגענדיג זיין פריהערדיגע החלטה מכח דער פארטיי „פועלי ציון", באגריסט דעם אנהויב פון דער רעוואלוציאנערער ארבייטער־באוועגונג אין פאלעסטינא און לעגט פאר דער פאלעסטינער ארבייטער־פארטיי (פועלי ציון):

1) ראשית כל באקלערען און דורכפיהרען אין לעבען די החלטות פונ׳ם 2־טען קאנגרעס פונ׳ם קאמוניסטישען אינטערנאציאנאל, באזונדערס אלע פונקטען פון די „תנאים פאר אריינטרעטען אין קאמוניסטישען אינטערנאציאנאל".

2) איבערבייטען אין צוזאמענהאנג דערמיט דעם נאמען פון דער פארטיי און דעמאלט ערשט וועט מען קענען אוועקשטעלען די פראגע וועגען אנשלוס צום קאמוניסטישען אינטערנאציאנאל".

דער „רעפערענט", אויף וועמען דער באריכט באציהט זיך, איז געווען מאירסאן. צוזאמען מיט איהם איז געווען ביי דער זיצונג אויך מיכל קאהן, וועלכער האט זיך מיט מאירסאן פולשטענדיג סאלידאריזירט. ווי קאהן גיט איבער, איז דער אפיציעלער באריכט אין דער „פראוודא" ניט גענוי.

פארלאג פועלי־ציון, בערלין

עס איז שוין ארויס פון דרוק:

דער קריזיס
איז דער
פועלי־ציון־באוועגונג
מעמאראנדום

פון דעם צענטראל־קאמיטעט פון דער אידישער סאציאל־דעמא־
קראטישער ארבייטער־ארגאניזאציע פועלי־ציון אין דייטשלאנד
צו די
פועלי־ציון־פארטייען אין אלע לענדער

בקרוב ערשיינט:

פראבלעמען
פונ'ם
אידישען סאציאליזם
(זאמעלבוך)

מיט ארטיקלען פון:
ב. בעראכאוו, ל. בערלינרויט, ד״ר זעליקמאן, לעאן האזאנאוויטש,
ב. לאקער, ניר, ל. ראזענהויז, ב. רובשטיין, ד״ר פ. שטערענבערג.

צו באקומען אין אלע בוכהאנדלונגען און ביים פארלאג פועלי־ציון
Berlin, Auguststr. 17